# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פֿאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 8 (העפט 127) — עלפטער יארגאנג — אויגוסט 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


## אינהאַלט:


קבוץ גליות אָדער שלילת הגלות..........** 1

שיבת ציון אַמאָל און היינט (עסיי)..........דר. יעקב י. מייטליס 6

ביי די קברים אין תל חי (רעמינעסענס)..........בן־א. סאָכאַטשעווסקי 11

אָט קומען זיי די רעשטלעך (ליד)..........אריה שדמי 16

די שיינע שבעה (ראָמאַן)..........לעאָ קעניג 18

באגינען (ליד)..........ש. זאלקין 24

קאָמפּאָזיציע (צייכענונג)..........ס. פּאלמע 25

אַ הייזעלע אויף אַ בארג (ליד)..........ס. פּאלמע 26

איך האס יענע פרייהייט (סאָנעט)..........יוסף הלל לעווי 26

מרדכי גאָטפריד — ליטעראַרישער באהעם פון ווין, איצט באַרימטער
שרייבער אין ישראל..........ש. ערנסט 27

נישט געשריבענע בריוו, הושע (פּאָעמע)..........א. נ. שטענצל 28

קולטור־טוער אין ישראל באערן יואל מאסטבוים
צו זיין יובילעאום..........אפרים טויבענהויז 36

ראָבערט שטריקער (רעצענזיע)..........י. ל. 38

„פֿאַר אונזערע קינדער" (רעצענזיע)..........יוסף הלל לעווי 39

„פארגעס מיך נישט" (רעצענזיע)..........הערש שישלער 41

ה. לייוויקס „די חתונה אין פערנוואלד" (צו לייוויקס באַזוך אין
אייראָפּע)..........ש. 43

„אַ שוואַנץ מלמד" (אַ פאָלקלאָר מעשה)..........יחזקאל נח ערלעכמאן 45

געסט פון ישראל .......... 48

מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס.......... 48


**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**


אבאָנענטס־פּרייז: —19/6 פאר א יאָר

אין אויסלאנד: —5 דאָלאר א יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער



*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

*January* — *Renaissance Jewellery.*
*February* — *Boxes.*
*March* — *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* — *Curios.*
*May* — *Stuart Jewellery.*
*June* — *Children's Jewellery.*
*July* — *Cameos and Intaglios.*
*August* — *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* — *Antique Jewish Ornaments.*
*October* — *Oriental Jewellery.*
*November* — *Precious and semi-precious Stones.*
*December* — *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

***Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1***

## ★ לשנה טובה ווונטשן ★

(וויכטיקע מיטטיילונג)

מיר נעמען אָן לשנה טובה ווונטשן פון אונזערע אַבאָנאַמענטן, מיט־גלידער און פריינט פון יידישן וואָרט פארן סעפטעמבער נומער „לשון און לעבן”. — **דער מינדסטער בייטראג איז פאר אונז זייער וויכטיק!**

## פריינט פון יידיש לשון

אין אדלער האָל, אדלער סטריט, א.1. דינסטאג, דעם 22־טן אויגוסט, 7.30

## א גרויסער ווארט קאנצערט

עס וועלן זיך באַטייליקן:—

דער גוט באוווסטער אקטיאָר **יידל גאלדבערג**

די שוישפילערין **דארא דימאנט**

און דער רעציטאטאָר **נחמן רובין.**

טירן אָפן 7 אַזייגער.

מיר בעטן אלע אונזערע אַבאָנאַמענטן מיטגלידער און פריינט פון יידישן לשון צו שטיצן אונזער אָוונט.

**אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאר:**

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

**ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!**

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 8 (העפט 127) **עלפטער יארגאנג** אויגוסט 1950 לאָנדאָן

## קבוץ גליות אדער שלילת הגלות

1

בכדי דער ענין יידיש זאָל נישט ווערן אַ מין צעדרייטע און צעדרעפטשעטע פלאטפאָרם פאר געשולטע פאַרטיי־דיסקוטאנטן און דרשנים, — וואָס שלאָגן „קאַפּיטאַל” פון יעדן ארויסגעזאָגטן וואָרט זייערן, וואָס זיי קאָנען עס דרייען אהער און אהין, אבי עס פאסט צום עסק, ווי אַ לינקע און ווי אַ רעכטע כאַלעווע, — מוז קודם־כל פעסטגעשטעלט ווערן:

פאר אַ יידישיסט, וואָס יידיש איז נישט עפּעס אַ שפּראך־מיטל פאר וועלכער עס איז אידעאָלאָגיע אָדער פארטיי פּראָגראַם, נאָר אַ טיף יידישלעכער ענין פון אינערלעכע אַסאָציאַציעס, אַ דורותדיק פאָלקסלאָריסטישע מסורותדיקייט — די שאפערישע פאָלקס־נשמה! פאר אזא ייד איז קבוץ־גליות, אויף וואָס פאר אַ אופן עס זאָל נישט געשען און אונטער וואָס פאַר אַ אומשטענדן די אויפגאבע פון גאנצן יידישן פאָלק, — ווייל די נשמה פון יידישן פאָלק, דער שורש פון יידישן שאפן איז ארץ ישראל, און יעדער קרבן דערפאר פון די יידן פון די תפוצות ישראל איז נישט צו גרויס; — אָבער אז דער ייד פון גלות זאָל ווערן בלויז אַ מאטעריאל פארן אויפבוי פון מדינות־ישראל; אויסנוצן וואָס מען קאָן פון אים און דאָס איבעריקע, דאָס וואָס איז נישט „נוצלעך” פארן אויפבוי פון דער ישראל מדינה, פארוויסטן און צעשטערן און עס צוווארפן צום הויפן אש — דאָס לא!

עס איז שוין לײדער פאראן אזא עלעמענט, אזא „בעאַמטן קלאָס” אין ישראל און וואָס נאָך ערגער, וואס דער עלעמענט ארבעט אויך שוין צו שטארק אין חוץ־לארץ, פאר וועלכע שלילת־הגלות איז דער פונדאמענט אויף וואָס דער בנין־הארץ קאָן זיך אויפבויען — דאָס זענען יענע דעגענערירטע פון אונזער פאָלק, וואָס זייער גאנצער באשטאנד באשטייט פון נעגאציעס. אפשר, אַ מיטל פאר עמעצנס וועגן צו זיין, אַ נאַציאָנאַליזם אויסגענוצט צו ווערן, איז נעגאציע דער פאסיקסטער עלעמענט — אָבער אז די שעפערישע נשמה פון פאָלק זאָל צוריקקומען צו איר שורש, די שכינתא בגלותא זאָל צוריק באקמען איר יצירה־פרייד — — —

קבוץ גליות — יאָ! אָבער שלילת־הגלות — לא! און לא מיט אַ גרויסער אלף.

איינאָרדנען אַ האלבן מיליאָן תימנער, מאָראָקאַנער, סירישע יידן דערפאר איז יעדער קרבן נישט גענוג גרויס. וואָרים ווייל אַ חוץ וואָס זייערע קערפער ווערן געראטעוועט פון אומקום, טראָגן זיי דאָך מיט זיך פאָלקס אַסאָ־

סיאַציעס און פאָלקלאָר אוצרות, אין זייערע הוויות און תנועות פאַר דער שאַפערישקייט פונם פאָלק — באַהאַלטענע נשמה־אוצרות אין לשער מסתמא!

קבוץ גליות אויף וואָס פאַר אַ אופן עס זאָל נישט זיין און אונטער אַלע אומשטענדן! אָבער שלילת הגלות?

באמת, אַ פאָלק וואָס האָט זוכה געווען אין די לעצטע 200 יאָר, אונטער אַזעלכע אומשטענדן אין וועלכע עס האָט געלעבט, צו פאַרמען זיין טויזנט יאָר צעריסענע פאָלקס־אַסאָסיאַציע און פאָלקלאָר ברעקלעך אין ווייזיעס און שאַפונגען, ווי מיר האָבן זוכה געווען און וואַרפט אָט די שאַפונגען און ווייזיעס אַוועק, — נאָכדעם ווי עס האָט עס אויסגענוצט, לויט ווי אים דוכט זיך אויס! אַזאַ פאָלק איז נישט ווערט אויסגעלייזט צו ווערן — פאַר אַזאַ נאַציע איז אתחלתא־דגאולה נאָר נסיון!

ווען ישראל וועט ערשט קומען צו מנוחה אונטערן ווייַנשטאָק און אייל־בירטן בוים, וועט מען ערשט דערזען דעם רענעסאַנס אונזערן פאַר 200 יאָר צוריק, דאָס וווּנדערלעכע התגלות פון נסים ונפלאות, וואָס איז געשען אין די אוקריינישע, גאַליציאַנישע און פוילישע שטעטלעך. אָט די תמימותדיקע ווייזיאַנערישע אמונה איז דאָס געוואָרן דער קוואַל פאַר אונזער באַנייטער יידישער שעפערישקייט; וואָרים אָן די גרענעצלאָזע אמונה, וואָלטן מיר גאָרנישט געווען חשוב ווידער געדעכנט צו ווערן ווי אַ פאָלק.

אָן דער גרענעצלאָזער תמימותדיקער אמונה, — אין וועלכער מיר האָבן מיט גאָט, ווי אברהם אויפן אלוני־ממרא, אויף יעדן מאַרק אין יעדן שטעטל, אָנגעהויבן צו ריידן מיט גאָט ווי מיט אַ מענטש, — וואָלטן ביידע אונזערע שפּראַכן, די העברעאישע און די יידישע, געבליבן די פאַרגעלטע בלעטלעך שמות אויפן שול־בוידעם וואָס שדים שפּילן זיך מיט זיי אין ווינט און דעקן מיט זיי צו אַ ליימענעם גולם.

נאָך איז אמונה אין יידישן וואָרט נויטיק, — די אָנגעזאַפּטע נשמה פונם פאָלק איז דער קוואַל פונם גלויבן אינם פאָלק! — מיט אמונה שפּילט מען זיך נישט — „דעם גלויבן פאַרלוירן איז אַלץ פאַרלוירן".

## 2

אמת, די לאַגע פון יידיש־לשון איז „דע פאַקטאָ" און „דע יוראָ" אַ קלאָגנדיקע. אין סאָוויעט רוסלאַנד שלאָגט מען זי מיט ביידע שטעקנס און אין ישראל ווייזט מען איר דעם שטעקן. און דאָס פאָלעק, עס זאָל מיר מוחל זיין, באַנעמט זיך הינטיש צו דער שפּראַך ווי אַזעלכע און צו אירע שאַפונגען. אין די דעמאָקראַטישע לענדער ווו מען וואַרפט אונז צו אַ ביין גריזשעט מען אים ביז עס ווערן אונז אויסגעבראָכן אַלע ציינער.

מען האָט אויסגעהרגעט דאָס שאַפנדיקע פאָלק און די ווערטער שוועבן אַרום די נשמות ערטלאָות, ווי שדים און רוחות, אויף כף־הקלע.

אָבער נישט ווי קיין אָנקלאָגער און נישט ווי קלאָגער ווילן מיר זיך באַנעמען! עס קומט אַ צייט ווען דאָס געוויער פונם שוואַכן איז דווקא זיין דער קלוגער: מיר לעבן אין דער עפּאָכע פון אומקולטור און דעגענעראַציע, פון



גאַז־קאַמער און אַטאָם־באָמבע, פון צענטראַליזאַציע און ביוראָקראַטיע, פון מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע און ראַסן־ און קלאַסן־האַס, און וואָסער ביישטייער קאָן יידיש שוין געבן צו די אַלע „גוטע" און „פיינע" זאַכן.

אַז בסך־הכל סאָלדאַטן מושטירט מען נישט אויס אין יידיש, און צווישן די שטימען פון די פעלקער ווערט „יידיש־לאַנד" נישט געציילט, טאָ וואָסער שייכות טאַקע האָט יידיש צו די אַלע פיינע זאַכן? יידיש דאָס מאַמע־לשון פון ממעמקימדיקן און תמימותדיקן הארץ, די שפּראַך פון אומענדלעכער ליבע און גלויבן אין גאָט און אינם מענטש.

גוט, גאָט האָט אונז געשלאָגן מיט איין עק פון שטעקן און מיטן אַנדערן האָט ער אונז דערהויבן! מען האָט פאַרטיליקט דאָס מזרח אייראָפּייאישע יידנטום, פאַרשניטן דעם אָנגעזאַפּטן וואָרצל פון אונזער שעפערישקייט און אונזער צעצווייגטן שטאַם דערהויבן צווישן די פעלקער —

מיר מושטירן שוין סאָלדאַטן, מיר זאָגן אונזער דעה צווישן די נאַציעס פון דער וועלט, מען ציילט זיך מיט אונז, — צי מען „רעכנט" זיך מיט אונז איז נאָך אַ פראַגע! — גוט, די נביאים־שפּראַך האָט זיך דערערדט, נישט נאָר צו „לערנען די קינדער פון ישראל אָנצוגיין מיט פיילבויגנס", נאָר אָנצופירן געפּאַנצערטע טאַנקס און צו שוואַדראָנירן מיט פליענדיקע פעסטונגען.

אָט, גאָט איז אַ גוטער, גאָט שלאָגט נישט מיט ביידע זייטן פון שטעקן; מיט איין האַנט שלאָגט ער און מיט דער צווייטער היילט ער — יידיש פאַרלירט אַלץ מער און מער דעם באָדן פון אונטער אירע פיס אָבער העברעאיש איז געוואָרן אַ מדינה־שפּראַך, „דע פאַקטאָ" און „דע יורא".

גוט, יידיש שאַפן, יידישער פאָלקלאָר שפּילט נישט מער קיין ראָלע אין אונזער קולטור־לאָזן דור! דער מיליאָן יידן אין ישראל און די דריי מיליאָן, וואָס מיר האָפן און ווינטשן און וואָס מיר זענען זיכער, אַז מיר ווילן זיי נאָך זוכה זיין צו זען אין אונזער דור באַשיצט און באַהיטן פון אַ מאָדערניזירט באַוואָפנטע שטאַרקע ישראל אַרמיי, — האָט נישט קיין צייט פאַר אַזעלכע קליינלעכע פּראָבלעמען, ווי פאָלקס־שאַפונגען און 1,000 יאָריקן פאָלקלאָר געפאָרמט אין אייגנאַרטיקע שיינקייטן... גוט, מוזן מיר, די „יידישיסטן", ווייטער אָנגיין אויף אונזער גלותדיקן שטייגער, „פּת במלח תאכל, וחיי צער תחיה" און באַשיצן און באַהיטן דאָס געשאַפענע. און אויב מיר, פון אונזער דור, מיר ווילן נאָך קאָנען צוגעבן אַ פעדערל, צו די פליגל פון די אויף כף הקלע פלאַטערדיקע יידישע נשמה, וועט דאָס שוין זיין אונזער גרעסטער שכר.

יידיש האָט אויך נישט, נישט נאָר אַ קריגס־מאַשין, נאָר צומאָל נישט די ריכטיקע טעכנישע מאַשין און ביוראָקראַטישע באַאַמטע, וואָס אָן אַוועקגעשטעלטע קולטור־אַרבעט פאַר אַ פאָלק נויטיקט זיך. אָבער איז באמת גייסטיקע אַרבעט און נשמה־שאַפונג פון פאָלק, וואָס וויל געבן דעם לעצטן שטריך צו איר טויטן־מאַסקע, וואָס וויל אירע לעצטע ווערטער איבערלאָזן לדור־דורות, אָפּהענגיק פון וועלכע נישט איז מאַשין און טעכניק און ביוראָקראַטישן פאַרמיטלדיקע מיטלען?

האָבן עס אונזערע נביאים נויטיק געהאַט? צי אפילו דער בעל שם און זיינע תלמידים?

אונזער דור ברויך נישט קיין קולטור, אונזער דור ברויך אַפילו נישט קיין אייגענע שפּראַך — זי ברויך פּראָפּאַגאַנדע בכל לשון! פּונקט ווי די פעלקער ברויכן שוין נישט קיין לענדער נאָר קריגס פּאָזיציעס. ס'איז אָבער דור הולך ודור בא וארץ לעולם עומדת". און ווייל מיר גלויבן אינם נצח ישראל גלויבן מיר אינם קיום פון דער יידישער שעפערישקייט, ווייל ווי אזוי איז דאָס מעגלעך אייביקייט, נצחיות, אָן שעפערישקייט, אָן נשמה־אייגנארטיקייט.

3

און באמת, אז מען זעט דאָס אחריותלאָזע און דאָס נידריקע באַנעמען פון אונזער פאָלק צו די יידישע געשאפענע קולטור־ווערטן קומט מען אויף אַ משונהדיקן געדאַנק: ווער ווייסט, אויב די חשובות ביי אונז יידן צום תנ"ך, וואָלט געווען אזוי ווי זי איז, אויב מיר וואָלטן נישט געזען דעם חשובן אָרט, וואָס זי פארנעמט ביי אלע פעלקער און אין אלע שפּראַכן? אז מיר, יידן, האָבן אָבער דערזען, וואָס די ביבל מיינט פארן קריסטנטום,ביים איסלאַם, פאַר דעם רענעסאַנס און בכלל נאָך איצט פאר יעדן קולטור־מענטש, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר נישט שרייען: „זה אלי ואנויהו" — זעט אייער בייבל דאָס איז דאָך אונזער תנ"ך, אונזער ספר הספרים, אונזער תורהלע...

און נאָך די אלע געוואַלטן און געשרייען, מישטיינסגעזאָגט, וויפיל פון אונזער פאָלק קענען דעם תנ"ך, וויפיל לערנען אים, און וויפיל איז דאָ וואָס פארשטייען אים... וואָרים אפילו ביי זיי וואָס לערנען אים שוין איז דאָך אויך נאָר לשם לוינענדיקן עסק פון עולם הבא און עולם הזה...

אָ, אַז מען זעט די היברו־עדיוקיישאָנס מיט זייערע אלע פירער און קאָמיסיעס, „טיטשערס" און פּרעזידענטן קאָן מען נאָך קומען אויף פיל משונהדיקערע מחשבות...

און אויב מען זעט דעם גייסטיקן און גייסטלעכן מעמד אין וועלכן אונזער פאָלק לעבט איצט, נאָכדעם ווי דאָס מזרח יידנטום, — די טרעגער פון אונזער אור־קולטור און די שאפער פון דער נייער! — איז פארטיליקט געוואָרן, און די יאושדיקסטע געדאַנקן כאַפּן איינעם ארום, קומט מען באַין־ברירה צו אַ בארעכטיקטן אָפּטימיזם, צו אַ מין אָפּיום־גלויביקנדיק בטחונדיקן אָפּטימיזם —

יאָ, ווי נידריק אונזער קולטור־ניוואָ זאָל נישט זיין, און ווי שפלדיק אונזער פאָלק זאָל זיך נישט באַנעמען דערצו, און ווי אַרומגעכאַפּט מיר זאָלן נישט זיין פון דער קולטור־טוכלער און דעגענערירטער אַטמאָספערע אין וועלכער די גאנצע מענטשהייט לעבט אצינד, גלויבט מען דאָך צו זיין בארעכטיקט צו אַ בארעכטיקטן אָפּטימיזם. וואָרים בכל דור־ודור זיינען עס דאָך, סוף כל סוף, נאָר געווען די געציילטע יחידים, וואָס האָבן אויסגעטראָגן און פאר אַ „גוט אויג" באַהאַלטן דאָס גרויסע, ביז די מאַסע וועט ווידער ראוי זיין עס אויפצונעמען און תופס צו זיין — — —



אָ, עס דויערט אַ סך מאָל צו לאַנג ביז אַ זוכנדיקער דיאַגנעס מיט זיין אַנגעצונדענער לאָמטערן געפינט אַ מענטש אין מיטן העלן טאָג... אָבער אין „דער פינסטערניש לייכט דאָס ליכט"!

דאָס יידישע שאפן אין די לעצטע דורות, דאָס ענטפלעקטע ליכט פון דער יידישער פאָלקס־נשמה פון די לעצטע הונדערטע יאָרן אין מיטל־ און מזרח־אייראָפּע, איז נישט מער אַ ליכט וואָס דער ווינט וועט עס אויסלעשן; עס איז שוין אַריינגעשטעלט דאָס ליכט, אין אַ וואונדערלעכן לאָמטערן! די יידישע פאָלקס נשמה איז אויפסנייַ נתגלה געוואָרן —

די אהבה בין אדם לחברו, אויב די מענטשהייט זוכט זי טאקע, וועט זי גיכער געפינען אין די תמימותדיק־שכלדיקע מעשהלעך פונם רבי ר' זישע און רבי אלימלך, פון שפּאָלער זיידן און רבי דודל מלעלעוו, ווי אינם נייעם טעסטאמענט; און די התבודדות־נסיונות פון יחוד קודשא בריך הוא ושכינתא — אין די טראקטאַטן פון רבי שניאור זלמן מלאָדי און פון די אַפאָריזמען פון רבי נחמנען און פון קאָצקער.

און אונזער פקחותדיקער פאָלקסלאָר, — די לעבנס חכמה פון שעפעלע צווישן די וועלף! — די פאָלקסטימלעכע אַפאָריזם־פילאָזאָפיע, ווי האָט זיי מענדעלע און שלום עליכם אין שיינקייטן געפאַרעמט, אין אַ קרוין אויפן קאָפּ פון דער כנסת ישראל; און פון די געשליפענע רובינען וואָס פּרץ האָט אין דער קרוין אַריינגעזעצט לייכט ארויס די גוטסקייט פון אַ שווער געפּרוווט פאָלק.

די קולטור יחידים צווישן די פעלקער ווייסן עס שוין! און אין הונדערטער יאָרן נאָך, ווען דאָס פּוילישע פאָלק וועט צוציילן ווייסנבערגן און אשן צו אירע פּראָזע מייסטער, און דאָס רוסישע פאָלק בערגלסאָנען און די פּערל פון אונזער פּאָעזיע וועט ארויסלייכטן פון אלע דיכטונג־אַנטאָלאָגיעס — נשמה־שאַפונגען פון אַ פאָלק איז אַ טייערער פּראָדוקט, — אַ ראַדיום אזא וואָס לייכט און היילט! — און די וועלט וואַרפט זיי נישט אַוועק!

דעמלט וועלן שוין אונזערע זאַמלער אָנקומען און שרייען און ליאַרמען: לאָזט צו, אָט אַ דער געניאַלער מיסטיקער פּרץ דאָס איז דאָך אונזערס אַ פּוילישער ייד... און דער־אַ מיט דעם לויטערסטן געלעכטער פון דער וועלט, דאָסאָ איז דאָך גאָר אַן אוקראַינישער עמך; און יענער חכם עתיק, יענער אַלטיטשקער קלוגיטשקער, דאָס איז דאָך אונזער ליטוואַק, דער זיידע... און די אלע נאָוועליסטן און פּאָעטן — — —

* * * * *

באמת פאר דער אייביקייט פון דער יידישער קולטור האָבן מיר נישט צו קעמפן, — זי האָט זיך שוין אויסגעקעמפט איר פּלאַץ אין דער וועלט ליטעראַטור! — זי איז זיכער פּונקט אזוי ווי אונזער נצחדיקייט. וואָס ס'איז יאָ נויטיק, — אין אונזערע טעג פון צעדרעפּטשעטע און צעדראַפּעטע דיסקוסיעס: „צי „יידיש איז שוין טויט", צי „ס'גייט שטאַרבן"! — איז אז די גלויביקע יחידים אין יידישן וואָרט, אין דער יידישער קולטור, — אין קולטור בכלל! — זאָלן זיך געפינען און אין דער איינזאַמקייט זיך נישט צו פארצווייפלען, בכדי צומוזן ערשט געטרייסט ווערן פון אזא גלויביק־אָפּיומדיקן אויסטערלישן אָפּטימיזם.

## דר. יעקב י. מייטליס

# שיבת ציון אמאל און היינט•

### א.

דאָס, וואָס עס איז מיטן יידישן פאָלק געשען אַמאָל, אין די צייטן פון דער ערשטער שיבת ציון נאָכן גלות בבל (און לויט אלע סימנים אויך יעצט) איז ממש אָן אַ פאַראַלעל אין דער געשיכטע. אַ פאָלק, וואָס האָט געהאַט פאַרלוירן זיין פאָליטישע גאַנצקייט און איז געווען אויך קולטורעל צעפאַלן, ווערט באַנייט און צוריק אויפגעלעבט דוקא פון די ברעקעלעך, די שפּליטער, וואָס קומען צוריק פון גלות. עס איז אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן, אַז דאָס פאָלק ווערט נישט נאָר באַנייט אין דעם זין, וואָס עס ווערט זעלבסטשטענדיק און איז ממשיך זיין פאָליטישע עקזיסטענץ, נאָר עס ווערט איבערגעבויט פון קאָפּ ביז פיס, איבערגעפורעמט און איבערגעגאָסן אין שפּראַך, דענקען און ציל. זיבן הונדערט יאָר אַקטיווע, פּרוכפּערדיקע געשיכטע פון אַמאָל, פול מיט גאונות׳דיקער יצירה און טיפער הומאַניטעט פאַראייניקן אָט דאָס רעשטל פאָלק, וואָס נעמט זיך בויען אַ לעבן פונדאַסניי פאַר ווייטערדיקע זעקס הונדערט יאָר... און ווער ווייס, אפשר גאָר טויזנטער יאָרן. אייגענע, שאַפערישע געשיכטע.

איז דוקא פאַר אונז היינט, וואָס פאַרפאָלגן מיט אַ סך יראת הכבוד, מיט באַוואונדערונג און ליבשאַפט דאָס נייע „ווערן" אין ישראל, וויכטיק צו וויסן, וואָס פאַר אַ שטאַרקן, ריכטונג־געבנדיקן איינפלוס עס האָט געהאַט דער גלות בבל אויף דעם שפּעטערדיקן יידנטום פון יהודה. זאָל מען נישט פאַרגעסן, אַז דוקא אין בבל האָט מען געלייגט דעם יסוד פאַר דעם נייעם צוגאַנג צו די פּראָבלעמען, וועלט און פאָלק, אַז דאָרט האָט מען איבערגעקאָכט און פונדאַמענטיק איבעראַנדערשט דעם געשיכטלעכן אויסקוק פון פאָלק. דאָרט האָט מען געגעבן אַ נייעם זין, אַ נייע אינטערפּרעטאַציע דער יידישער געשיכטע, נאָרמאַטיוו איז געוואָרן דאָס געטלעכע געזעץ מיט אלע זיינע קאָנסעקווענצן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן גייסט. אָט דאָס האָט באַטייט אַ נייע, יסודות׳דיקע ווענדונג אין דער יידישער געשיכטע און געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע השפעה אויף די קומענדיקע יאָרהונדערטער, ענדערנדיק לגמרי דעם וועלט־באַנעם פון פאָלק און זיין גאַנצן גייסטיקן האַביטוס.

אויך אין אונזער צייט וועט נאָך דאָס לעבעדיקע, שטאַרק־פּולסירנדיקע און קרעאַטיווע גלות־לעבן האָבן אַ שטאַרקע און פּאָזיטיווע ווירקונג אויף דער געשטאַלטונג און אויספורעמונג פון מדינת ישראל. האָט דאָך דער גלות ביז איצט כסדר משפיע געווען אויפן ישוב אין א״י, געווען די שמיד־קאַמער, ווו עס האָט זיך געשמידט דער גייסטיקער כלי־זין פאַר דעם קאַמף און איבערבוי פון פאָלקסלעבן. אין גלות האָבן זיך אויסגעאַרבעט שיטות, זיינען געשאַפן געוואָרן אידעאָלאָגיעס און באַוועגונגען, וואָס האָבן געהאָלפן ברענגען דעם שנוי

---

• אַ קיצור פון אַ גרעסערן עסיי.



ערכין אין לעבן פון ישוב. וועט דער גלות אויך יעצט, אויב ער וועט פאַרבלייבן אַן אַקטיוו־שאַפערישער אָרגאַניזם, קענען נאָך אויף לאַנגע יאָרן משפיע זיין אויף ישראל און העלפן דאָרט אויספורעמען אַן אייגענע קולטור־אינדיווידואַליטעט, וואָס קען ווערן אַ וויכטיקער סטימולוס פאַר די יידן פון גאָר דער וועלט.

טאָר מען דערפאַר שוין באַצייטנס נישט דערלאָזן צו אַ שיידונג צווישן גלות־לעבן און ישראל, וואָס זאָל שאַפן אַ מחיצה צווישן דעם גלות־פאָלק און דעם ישראל־פאָלק אין דער בחינה פון „לכם ולא לו" אויסשליסנדיק פון דער כלל־געמיינשאַפט אלץ, וואָס איז נישט ישראל. אַזאַ מין שיידונג וואָלט געקאָנט האָבן פאַטאַלע פאָלגן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון פאָלק און לאַנד. עס מוז קומען צו אַ גייסטיקער שותפות צווישן דעם וויטאַלן, אַקטיוו־בויערישן א״י, פול מיט דינאַמיק און אימפּעט, און דעם שאַפערישן גלות, וואָס האָט אויפצווייזן אַ סך קולטור־דערפאַרונגען און רייכע קולטור־דערגרייכונגען. בין איך זיכער, אַז ביידע צדדים וועלן זיך אויף לאַנגע יאָרן קעגנזייטיק באַפרוכפּערן, משפיע זיין איינס אויף דאָס אַנדערע און אַזוי אַרום העלפן אויספורעמען די מדינה, וואָס נעמט זיך יעצט, נאָך אַן הפסקה פון איבער 1,800 יאָר, ווידער בויען אויף די ברעגעס פון מיטללענדישן ים.

קענען מיר דערוויילע ווייניק וואָס פאָראויסזאָגן ווי אַזוי די נייע מדינה וועט זיך אַנטוויקלען, וואָס פאַר אַ ריכטונג, וואָס פאַר אַ וועג עס וועט גיין די קומענדיקע אַנטוויקלונג פון פאָלק. אָבער צוביסלעך אָפּלערנען פון דער געשיכטע קענען מיר פאָרט (הגם מען מוז זיין געוואָרנט מיט געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס) פון אַן ענלעכן פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען מיט קיילעכדיקע 2,500 יאָר צוריק בעתן שיבת ציון נאָכן גלות בבל. צופעליק באַזיצן מיר פון יענער צייט אַביסל היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס העלפן אונז צו רעקאָנסטרויִרן דאָס בילד פון יענער ווייטער עפּאָכע. זיי דערלויבן אונז צוביסלעך צו וואַרפן אַ בליק הינטער דעם פאָרהאַנג פון היסטאָרישע פּאַסירונגען, אַ קוק צו טאָן אין דעם שמעלצקעסל פון דער געשיכטע, ווו עס האָט זיך לאַנגזאַם אָבער סאָליד איבערגעקאָכט אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערט אַ כמעט ניי יידיש פאָלק, וואָס זיין גייסטיקער פּרצוף איז אונז נאָך ביי היינטיקן טאָג זייער גוט באַקאַנט. אין דער אמתן איז דאָס פאָלק, וואָס איז דעמאָלט אַנטשטאַנען, געוואָרן געקנעטן פון אַזאַ מאַטעריאַל, אַז עס איז בכח געווען איבערצושטיין אלע מיני גזירות רעות, פאַרפאָלגונגען און שחיטות. זיין פּנים האָט זיך ביז אויפן היינטיקן טאָג כמעט נישט פאַרענדערט. עס איז תמיד געווען געווענדט פאָרויס, אין די צוקונפט.

*　　*　　*

דער זומער פון יאָר 538 פאַר דער היינטיקער צייטרעכנונג איז געווען אַ ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. דעמאָלט האָט כורש, דער קעניג פון פּערסיע, דער גענ‍יאַלער פעלקער־באַצווינגער, וואָס האָט צושלאָגן און איינגענומען דאָס מעכטיקע בבל און אַליין געשאַפן אַ ניי וועלט־מלכות,

אַרויסגעלאָזט דעם באַרימטן עדיקט צו די יידן פון בבל (אַ מאָדערנע ווערסיע פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע). אין פשוטע ווערטער ווענדט ער זיך צו די יידן און זאָגט זיי אָן די גוטע בשורה, אַז דער גלות האָט אויפגעהערט, אַז זיי זיינען ווידער פריי און קענען צוריקקערן קיין א״י און בויען דאָס לאַנד.

ווי מוזיק זיינען אָט די ווערטער געווען אין די אויערן פון די דעמאָלטיקע גולים. אַ באַגייסטערונג האָט אַרומגעכאַפּט אַלע שיכטן פון פאָלק, מען איז געווען פאַרשכורט פון אומבאַשרייבלעכן גליק. רופט דאָך דער משורר פון תהלים אויס מיט עקסטאַז: „בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים״. ווי אַ חלום אויף דער וואָר, אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי אָטעם־פאַרכאַפּנדיק איז געווען די געשעעניש!

די יידן פון בבל האָבן נישט לאַנג געוואַרט. האָבן דאָך די נביאים און די גייסטיקע מדריכים פון פאָלק כסדר געוועקט דער גלויבן און אונטערגעהאַלטן די פלאַם פון האָפענונג אויף אַ באַלדיקער באַפרייאונג, אפילו אין די סאַמע פינצטערע טעג פון גלות. האָט זיך טאַקע באַלד אָנגעהויבן אַ שטאַרקע עליה־באַוועגונג. קאַראַוואַנען האָבן זיך פאָרמירט, וואָס האָבן זיך באַלד געלאָזט אין וועג אַריין. הערן מיר, אַז צוזאַמען זיינען אַן ערך פופציק טויזנט מענטשן אַוועק מיט דער ערשטער עליה קיין יהודה און ירושלים. גאָר אַ בכבודיקע צאָל פאַר דער דעמאָלטיקער צייט.

איז דעמאָלט דער אָנהויב געווען לייכט? דאָס לעבן פון אַ פאָלק קען ווערן לייכט צעשטערט, איבער נאַכט קען אַ קבוץ מענטשן ווערן אויסגעוואָרצלט פון באָדן, אַז עס זאָל כמעט קיין זכר נאָך אים נישט בלייבן! אָבער אויפבויען? קען אַ פאָלק זיך באַנייען און איבערבויען איבער נאַכט? איז אַ קבוץ גליות, אַזוי ווי מיר זעען אים היינט אין דער יידישער מדינה, זיין קאָנסאָלידאַציע, אויספורעמונג און אינטעגראַציע אַן ענין פון טעג, וואָכן אָדער חדשים? דאָס איז דאָך אַ לאַנגער פּראָצעס פון יאָרן, אויב נישט פון דורות, פון צונויפשמעלצונג, איבעראַנדערשונג און אינעווייניקסטן איבערבוי. דאָס אַלץ קען נישט פאָרקומען אָן אינעווייניקסטע קריזיסן, אויפטרייסלונגען און ראַנגלענישן. קעמפט דאָך אַ פאָלק נישט נאָר פאַר זיין ביאָלאָגישער און פיזישער עקזיסטענץ, נאָר אויך פסיכיש און גייסטיק פאַר זיין דערהאַלטונג. אָט דאָס אַלץ מוז מען האָבן אין זין, בשעת מען קוקט זיך צו צו די פּראָבלעמען, מניעות און מכשולים, מיט וואָס עס איז געווען קאָנפראָנטירט דער ישוב אין די צייטן פון יענער ערשטער עליה און דערפון אָפּלערנען אַ מין גזירה־שווה אויף דער היינטיקער צייט.

באַרעכנט מען די שוועריקייטן פון וועג, דעם טראַנספּאָרט פון אַ מחנה מענטשן פון פופציק טויזנט, מיט זאַכן, בהמות, אינווענטאָר א.ז.וו., די מעגלעכקייטן און די אויפנאַם־פעאיקייט פון לאַנד, דאָס פּראָבלעם פון די שכנים, דעמאָלט קען מען זיך מאַכן אַ פאָרשטעלונג פון דער גרויס פון די מכשולים און מניעות, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן וועג פון די צוריקגעקומענע גולים.

די פּערסישע רעגירונג האָט געהאָלפן, ווו זי האָט נאָר געקענט, סיי אַד־



מיניסטראַטיוו־פּאָליטיש און סיי מיט פּראָוויאַנט און שוץ. בראש פון דער עליה איז געשטאַנען אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער אַלטער דוד־דינאַסטיע. עס איז געווען זרובבל בן שאלתיאל. מיט אַ סך געשפּאַנטע האָפענונגען און גרויסע דערוואַרטונגען זיינען די עולים אָנגעקומען קיין ירושלים, וואָס איז דעמאָלט געווען האַלב צעשטערט. די באַגייסטערונג אָבער איז געווען גרויס. באַלד האָט מען אויפגעבויט דעם מזבח, וואָס האָט געזאָלט דינען אַלס אַ סימבאָל פון דעם באַנייטן לעבן. זיינען דאָס געווען משיח׳ס צייטן?

אָבער די ווירקלעכקייט איז ליידער געווען האַרט און שווער. די גרויע טאָג־טעגלעכקייט האָט גענומען אויפעסן דעם יו״ט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שטרויכלונגען און אַנטוישונגען. פּונקט ווי היינט, אַזוי זיינען אויך דעמאָלט געווען גרויסע שוועריקייטן פון אינטעגראַציע פון די עולים. עס האָט אויסגעפעלט געלד פאַר קאָלאָניזאַציע־צוועקן. מען האָט אָנגעטראָפן פאַרענדערטע לעבנס־באַדינגונגען, צו וועלכע מען האָט זיך נישט געקענט אַזוי לייכט צופּאַסן. האָט מען נאָך געהאַט צו קעמפן מיט טרוקענישן און ניטגערעטענישן, וואָס האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם פּראָצעס פון קאָנסאָלידאַציע און אויפבוי! זיינען נאָך צוגעקומען צרות מיט די פרעמדע שכנים, פאַר וועם די צוריקגעקומענע זיינען געווען העכסט אומדערווינטשט. דאָס געביט, וואָס די עולים האָבן אָנגעטראָפן אין יהודה איז געווען גאָר קליין, אַ שטח אַרום ירושלים פון אַן ערך טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער. דאָס איבעריקע לאַנד האָבן די שכנים־פעלקער געהאַט באַזעצט, בעת דער פאַרטרייבונג פון די יידן.

האָבן די עולים געהאַט צו פירן אַ שווערן, האַרטן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. האָט דאָס נאַטירלעך געווירקט אויף דער גאַנצער גייסטיקער האַלטונג פון ישוב. עס האָט אויסגעפעלט די נויטיקע הרחבת הדעת. אַלץ אַרום איז געווען ענג און אָרים. די אַמאָליקע אידעאַלן האָבן פאַרלוירן זייער אינהאַלט און אָנצי־קראַפט. עס האָט געדראָט אַ פולשטענדיקע סטאַגנאַציע.

צום גליק אָבער איז אין דער פּאָליטישער וועלט פאָרגעקומען אַזאַ געשעניש, וואָס האָט אויפגערודערט די פאַרחלשטע הערצער און באַפליגעלט די מידע מוחות. די פּערסישע וועלט־מאַכט האָט איבערגעלעבט אַן ערנסטן פּאָליטיש־דינאַסטישן קריזיס נאָכן טויט פון כורשן און זיין זון קאַמביזעס. אין אַלע עקן פון לאַנד זיינען פאָרגעקומען מלחמות און אויפשטאַנדן. האָט דאָס באַטייט אַ סוף צו דער געצנדינערישער וועלט־מאַכט און אַן אָנהייב פאַר אמתער באַפרייאונג פון יהודה?

נביאים זיינען מיט אַמאָל אויפגעשטאַנען און מיט פלאַמעדיקע רייד געמאַנט דעם אויפבוי פון בית־המקדש, וואָס האָט געזאָלט ווערן דער סימבאָל און צענטער פון באַנייטן פאָלק־לעבן. די משיחישע האָפענונגען זיינען געשטיגן זייער הויך.

זרובבל, וואָס איז געווען דער פּערסישער גובערנאַטאָר פון יהודה, און מיט אים דער כהן גדול יהושע בן יהוצדק זיינען געוואָרן ממש מיטגעריסן פון דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם, וואָס האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט די ברייטעסטע

שיכטן פון פאָלק. הגם יהודה האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער מרידה, האָבן פונדעסטוועגן די פירער באַשלאָסן אויסצונוצן די אומקלאָרע פּאָליטישע לאַגע אין דער פּערסישער מדינה און זיך גענומען בויען דעם בית־המקדש, אַן אַקט, וואָס דאָס פאָלק האָט געמוזט באַטראַכטן, אלס אַן אָנהויב פון מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט.

עס זעט זיך אויס, אז די וואָרטזאָגער פון דער פּאָליטישער באַוועגונג אין יענער אויפגערודערטער, אומרואיקער צייט, די צוויי נביאים חגי און זכריה, האָבן אין דער אמתן געהאַט גאָר ווייטגייענדיקע פּאָליטישע פּלענער. מען האָט צוגעגרייט דעם באָדן, אז זרובבל זאָל בקרוב אַרויף אויפן טראָן פון אַ זעלבסשטענדיקן יהודה.

די לאגע אין דער וועלט, האָט זיך אָבער גיך געביטן, נאָך איידער מען האָט אויף אַן אמת געפּרובט אַדורכצופירן די דאָזיקע געוואַגטע פּלענער. אין פּערסיע האָט זיך די לאגע באַרואיקט. דריוש האָט מיט ענערגיע און אנטשלאָסנקייט ליקווידירט יעדן צייכן פון מרידה און גיך באַפעסטיקט די מאכט אין זיינע הענט. צו די באוווינער פון יהודה ווייזט ער זיך אַרויס קלוג און גרויסמוטיק. ער דערלויבט דעם בנין פון בית־המקדש, אָבער זרובבל גופא, זעט זיך אויס, האָט זיך געהאַט קאָמפּראָמיטירט מיט זיין צו האסטיקער פּאָליטישער קאריערע. מיר ווייסן היינט שוין מער נישט, וואָס זיין גורל איז געוועזן. איינס איז אָבער קלאָר, אז ער איז פארשוווּנדן פון דער פּאָליטישער אַרענא און נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שום ווייטערדיקע שפּורן. מן הסתם האָט אים דריוש אַראָפּגעזעצט פון זיין הויכן אמט און אן אנדערער, אַ ווייניקער אמביציעזער פּאָליטיקער האָט פארנומען זיין פּלאַץ.

דערמיט האָט זיך אויך אזוי פּלוצים פארענדיקט אַן אינטערעסאנט קאַפּיטל אין דער ערשטער שיבת־ציון באַוועגונג, אַן עפּאָכע פון גרויסע געשפּאנטע האָפענונגען און משיחיש־פּאָליטישע דערוואַרטונגען. די נביאות, אַז בקרוב וועט זיצן אַ בן־דוד אויפן טראָן פון יהודה זיינען נישט מקוים געוואָרן. יהודה איז געבליבן אויף לאנגע יאָרן אַ קליינע, פּאָליטיש־אומבאַדייטנדיקע פּראָווינץ אין דער פּערסישער וועלט־מלוכה. דער אויסגעחלומטער פּאָליטישער מאכט־צענטער איז דערווייל געוואָרן אָפּגערוקט אין אַ זייט. זיין פּלאַץ האָט באַלד פארנומען דער ניי־אויסגעבויטער בית־המקדש וואָס איז געוואָרן דער קולטישער און רעליגיעזער צענטער פון יידישן פאָלק. דער שפּראָץ פון דוד׳ן איז געוואָרן באַזייטיקט און מיט אים דער פירשטייער פון דער וועלטלעכער מאכט. זיין פּלאַץ האָט יעצט פארנומען די כוהנים־טעאָקראַטיע, מיט איר עקספּאַנאַנט דעם כהן־גדול.

* * *

זינט יענע אויפגערעגטע, שטורעמדיקע טעג פון זרובבלן, זענען יעצט אַריבער קיילעכדיקע פופציק יאָר. קיין סך וועגן די געשעענישן פון יענע יאָרן ווייסן מיר נישט. די מקורים שווייגן אין גאנצן. ווייסן מיר נאָר, אַז קיין גרויסע ענדערונגען זענען דעמאָלט נישט פאָרגעקומען. די אנטוויקלונג האָט זיך



עפּעס ווי אין גאנצן אָפּגעשטעלט און פארלוירן איר אַמאָליקן אימפּעט. דער דינאמיש־פּאָרממאַטיווער כח האָט געפעלט. דאָס לעבן איז אַריין אין זיין טעגלעכן טראָט, פול מיט נייע שווערקייטן און מכשולים. פארשווינדט דאָס דינאמיש־פּאָרמאַטיווער כח האָט געפעלט. דאָס לעבן איז אריין אין זיין טאָג־טעגלעכקייט, אזוי ווערן מענטשן אָפּהענטיק און אנטוישט. עס איז געוועזן אַ צייט פון דעפּרעסיווע שטימונגען, פון צערונענע האָפענונגען און אַן אלגעמיינער אויסניכטערונג. אלץ אַרום האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין קליין און נישטיק, אָרים און אינהאלטסלאָז. דאָס לעבן איז געווען גרוי און פארבלאָז.

אין דער דאָזיקער קריטישער צייט האָט ווידער אַמאָל דאָס גלות־יידנטום גענומען די איניציאַטיווע אין דער האנד אַריין. עס האָט אינטערווענירט מיט דערפאָלג דורך דער פּערזאָן פון עזראָן.

(המשך קומט)

---

בן.א. סאכאטשעווסקי

## ביי די קברים אויף תל חי

(רעמיניסענס)

אין דעם נאָכמיטאָג האָט די גליענדיקע זון אי׳ן פאַר׳חלומטער שטילקייט געהאלטן אויסגעשפּרייט אירע שטראלן אויף דעם געבערג־פלאך, וואָס איז געלעגן אַ צוגרינטער צו די פיס פון תל חי.

אין דעם ווייטן־אַראָפּ האבן זיך געביטן די קאָלירן פון גאלד אויף בלוי, ברוין און טונקל, ווי עפּעס אַ מכשף וואָלט בכוונה פונאנדערגעוואָרפן רעגנבויגן פארבן, און יעדעס מאָל געגעבן אַ אנדער אויסזען דעם ישראל באָדן.

דער מכשף האט די קאָלירן אראבגעצויגן פון דער זון, זיי דורכגעזיפּט דורך זיינע פינגער, און זיי אַ וואָרף געטאָן אין לאנגע פאסן כדי איין קאָליר זאל זיך ניט אויסמישן מיט דער אנדערער, און יעדע קאָליר זאָל זיך אויסליינן אין אַ באזונדערקייט.

בלויז אויף דעם יוסף טרומפּלדור מאָנומענט האָט דער שפּיל פון די קאָלירן קיין שליטה ניט געהאט.

דער לייב איבער דעם מאנומענט איז געשטאנען אין זיין מאַרמאָר־ווייסקייט, מיט דעם שרייענדיקן צועפנט מויל, ארומגענומען פון דער זון, און אין פארגליווערטער גבורה דערמאָנט, אז ער שטייט אויף דער וואך, ער היט יונג ישראל, און אז זיין בליק זעט אלעס, נעמט אלעס אויף, ביז צו די לעצטע פונקטן פון די אור־אלטע גרעניצן.

די אותיות פון טרומפּלדור׳ס לעצטע ווערטער טוב למות בעד ארצנו, האט די זון געהאלטן ווי אין פייער צוגליט, און זיי האבן ווי אַ דערמאָנונג אראפּשימערירט פון מאַרמאָר, און ווי סיגנאליזירט בארג־אַראָפּ און באַרג ארויף איבער דעם גאנצן גליל.

אונטער דעם רוקן פון דעם מאָנומענט האָבן בוימער אויסגעשפּרייט זייערע קילע שאָטנס איבער די קברים פון תל חי.

אין די דאָזיקע קברים זיינען געלעגן די ביינער פון די ערשטע חלוצים, פון די בעלי חלומות, וועלכע האָבן מער ניט געוואָלט זיין אין גלות, און מיט עקשנות און מסירת נפש אוועקגעשטעלט זייערע פיס אויף אַ מדבר, כדי אים צו באַלעבן און פּרוכטבאַר מאַכן מיט זייער שוויס און בלוט.

ווי שטיל אַלעס איז דאָ איצט געווען, אַ שטילקייט וואָס האָט דערציילט וועגן גרויסע מעשים, אַ סך ליידן, אַ שטילקייט, וואָס האָט אין זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער אייביקייט דעם אויפשטיי פון אַ פאָלק צו אַ ניי לעבן.

אין דעם אַרומיקן שווייגן האָט זיך בלויז פון צייט צו צייט אָנגעטראָגן אַ טעמפּער ווייטער געקלאַפּ פון אונטן, פון כפר גלעדי, ווו דאָס שאַפנדיקע יידישע לעבן איז דאָרט געווען אין פולן שוואונג.

עס האָט זיך אויסגעדאַכט ווי דער געקלאַפּ, וואָס האָט זיך פון כפר גלעדי אַרויסגעטראָגן צו תל חי וואָלט אויסגעזונגען דאָס ליד, וואָס די ערשטע פּיאָנערן האָבן נאָך אָנגעהויבן זינגען.

דאָס איז געווען אַ געזאַנג פון אַ כסדר פאָרטזעצנדיקן לעבן, אַ געזאַנג וועגן ווייטערדיקן פעדים־געשפּין, וואָס אַנדערע פאַר זיי, פאַר די איצטיקע חלוצים, האָבן נאָך אָנגעהויבן מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק.

מאַניאַ שוחט איז שטיין געבליבן ביי יעדן קבר, און וועגן יעדן פון זיי דערציילט אַנדערע פּרטים, אַנדערע קאַפּיטלעך פּיאָנערן חלומות און קרבנות־גרייטקייט.

אין איר קול איז קיין אומעט ניט געווען, ווייל זי האָט ניט גערעדט וועגן טויט, נאָר וועגן לעבן, וועגן הערליכע בחורים, מיידלעך, מענער און פרויען, וועלכע האָבן זיך איינגעעקשנ׳ט, געקומען אויף אַ באָדן וואָס איז געווען וויסט, און געזאָגט, אַז דאָ זאָל זיין אַ דאָרף, אַ ישוב, און עס איז געוואָרן אַ דאָרף און אַ יידישער ישוב.

זי האָט זיי אַלע געקענט, פון סאַמע אָנהויב האָט זי זיי געקענט, ניט בלויז ביי די נעמען, ביי זייער אויסזען, נאָר אויך זייערע נשמות, זייערע געדאַנקען זיינען פאַר איר קיין סוד ניט געווען, ווייל אין זיי אַלע האָט געאָטעמט דער זעלביקער גייסט, די ליבשאַפט צו דעם פאָלק, צו דעם לאַנד, און צו דעם גרויסן חזיון וועגן די טעג, וואָס זיי וועלן העלפן דערנענטערן.

די טעג פון באַפרייאונג, פון אויסלייזונג, פון אַ ווידער אויפשטיין פון אַ פאָלק אויף זיין אייגענעם באָדן, געשיצט און געזיכערט פון דעם אייגענעם כוח, אַ היימלאַנד, וואָס זאָל מער נישט באַהערשט און באַצוווּנגען ווערן פון פרעמדע.

קיינער פון זיי איז ניט טויט און וועט ניט זיין טויט, ווייל אויך איצט זעט זי זיי פּונקט אַזוי גוט ווי פריער, ווי אין יענע ערשטע טעג, ווען מען איז אַרויף אויף דעם באָדן.

דער זעלבער שמייכל ווי אַמאָל איז געבליבן אויף זייערע פּנימער, די



זעלביקע צוזאַמענקייט אין זייערע פאַר׳חלום׳טע אויגן, די זעלבע שטאָלצע פעסטקייט פאַר דער באַשיצונג פון דעם קליינעם פון מדבר אַרויסגעריסענעם ישוב.

מיט אירע וואַרימע הענט האָט מאַניאַ געגלעט די זון אָנגעגליטע שטיינער, וואָס זיינען אָנגעהויפט געוואָרן פאַר קברים בערגלעך.

זי האָט זיך איבער די קברים אַראָפּגעבויגן ווי אַ מאַמע איבער די קעפּלעך פון שלאָפנדיקע קינדער, דערמאָנט און אָנגערופן זיי יעדן ביים נאָמען, אויסגערעכנט זייערע פעאיקייטן, זייערע מעלות און חסרונות וועגן וועלכע זי האָט זיך טיילמאָל צושמייכלט, און פון ווו און פון וואַנען מען איז געקומען.

דאָ ליגן די ביינער פון אַ בחור פון וועלכן מען האָט אַ סך דערוואַרטעט. ער האָט געהאַט אַ מוח פון אַ גאון, א גרויסער בעל חשבון געווען, אַ מאַטעמאַטיקער, אַ הארציקער יונגערמאַן, וועלכער איז געקומען ערגעץ פון דער ליטע.

אונטער דעם אַנדערן בערגעל שטיינער ליגט איינער פון די געוואָגסטע שומרים. זיין פערד איז געווען דאָס פלינקסטע, און זיין ביקס האָט קיינמאָל ניט געפעלט צו טרעפן אין ציל. ער איז געווען אַ הויכער, אַ טונקל־הויטיקער, געטראָגן אַ בערדל. אין זיינע אויגן האָט געגליט פייער. אַ קונצן מאַכער איז ער געווען אויף זיין פערדל. ער איז געווען די שרעק פאַר די אַראַבישע אָנפאַלער אין דעם געגענד אַרום דעם קיבוץ.

אַ קויל האָט אים צום סוף אַוועקגעלעגט, אַ קויל וואָס האָט פון דער זייט דורכגעלעכערט זיין האַרץ.

ניין, מאַניאַ האָט ניט קיין טרער אין אויג, ווייל זי רעדט דאָך ניט וועגן טויט נאָר וועגן לעבן, וועגן אַ פרייד, וואָס ווערט געבוירן אין און דורך גבורה.

ביי אַ אַנדערן קבר עפנט זיך אויף אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן, שטיקער מענשלעך צאַפּלענדיק לעבן שווימען אַרויס פון נאָנטן עבר. דאָס אַלעס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן וועבן אין גלות און איבערגעטראָגן געוואָרן צו ארץ ישראל.

די ביינער פון דעם לעבן וואָס ליגט אין דעם קבר האָט זיך ניט געענדיקט דורך מאַלאַריאַ, דורך קראַנקייט, דורך פאַלן אין שלאַכט, נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן, עס איז געווען אַ סוף מאַכן צו זיך אַליין.

דאַכט זיך אַז אַזוי איז געווען דאָס לעצטע קאַפּיטל, די לעצטע שורה פון אַ ראָמאַן.

עס איז שוין אַזוי לאַנג צוריק, וואָס דער דאָזיקער קבר איז געגראָבן און פאַרדעקט געוואָרן מיט שטיינער, אַז עס איז שוין שווער אַלעס גענוי צו געדענקען.

אַ סך עפּיזאָדן, וואָס מאַניאַ שוחט האָט דערציילט, האָבן זיך צענויפגעמישט אין מוח פון אַ באַזוכער, וואָס איז געווען ווי פאַר׳שכור׳ט פון דער ישראל פּראַכט, און אויך דאַן בעת ער איז געשטאַנען אין דער צוגליטער נאָכמיטאָג זון אויף תל חי.

נאָר מאַניאַ'ס אויגן זיינען געווען געווענדט צו דער זון, זי האָט זיי ניט געדאַרפט פאַרשטעלן מיט דער האַנט, און זיי זיינען אויך פאַר קיין רגע ניט פייכט און ניט פאַרטונקלט געוואָרן בעת זי האָט גערעדט וועגן די מענטשן־ביינער אין די קברים, ווייל פאַר איר, זיינען די טויטע לעבעדיק, זי זעט זיי, שמייכלט צו זיי און וועגן זיי. און זי רעדט וועגן זיי אויף אַזאַ אופן ווי זיי וואָלטן ערשט דאָ געווען, נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגען כדי זיך באַלד ווידער אומצוקערן.

איינגעהילט אין שאָטן פון די יוקעליפּטוס ביימער איז געלעגן דאָס קבר פון אַ האָלענדער. דער צודעק איז געווען פון ווייסן מאַרמאָר, און איבער אים האָט זיך אויפגעהויבן אַ שיינע מצבה, וואָס האָט חוץ העברעאיש אויך געהאַט אויף זיך אַ אויפשריפט מיט לאַטייניש אותיות.

עס איז געווען דאָס קבר פון פראַנץ וואַן דע האַרן, אַ קריסט.

דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע, זעצט אייך צו אויפן שטיין, עס איז דאָ קיל. עס איז געווען נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען כפר גלעדי, וואָס איז איינציקע מאָל צושטערט געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן בויען.

דריי האָלענדישע אינזשענירן האָבן זיך באַוויזן אויף דעם קיבוץ. איינער פון זיי איז געווען אַ ייד. זיי זיינען געקומען אַלס מענטשן־אידעאַליסטן מיט דעם צוועק דאָ צו פאַרבלייבן און העלפן בויען די איינזידלונג.

צוויי פון זיי האָבן בלויז פאַרבראַכט אַ קורצע צייט. זיי האָבן ניט געזען קיין תכלית. עס איז געווען קאַמף און אַרבייט, מער קאַמף ווי אַרבייט. זיי האָבן זיך געזעגנט און אַוועק. בלויז פראַנץ וואַן דע האַרן, דער ניט־ייד, איז פאַרבליבן. גאַרניט האָט אים אָפּגעשראָקן. ער האָט געזען, וואָס די אַנדערע האָבן ניט געקענט זען.

פראַנץ איז געווען אַן אינזשעניר. אַ ביסל שפּעטער האָט ער זיך פאַר־חבר'ט מיט אַ חלוצה, זיך פאַרליבט אין איר, און אַ נייע דור איז געקומען אויף דער וועלט.

מאַנכע פון זיינע קינדער זיינען פאַרבליבען אויף די קבוצים, און זיי אַליין האָבן שוין אויך קינדער, און אַנדערע זיינען אַוועק אין שטאָט, וווּ זיי פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס.

פראַנץ איז געווען אַ מענטש וועלכן אַלע האָבן ליב געהאַט, מען האָט אים געמוזט ליב האָבן.

אין 1946 איז ער געשטאָרבן.

מאַניאַ האָט נאָך גערעדט, ווען אַ יונגערמאַן האָט זיך באַוויזן ביי דעם קבר, געזאָגט שלום, מאַניאַ, און אַוועקגעלעגט פרישע בלומען ביי דער מצבה אונטער דעם אויפשריפט.

פראַנץ וואַן דע האַרן איז געווען ניט בלויז זיין לערער נאָר אויך זיין חבר, אַלעמענס לערער און חבר אין כפר גלעדי, און איבער דעם געגענד ווייט אַרום.

מאַניאַ שוחט האָט נאָך אַ סך דערציילט וועגן אים, דאָס זיינען ניט גע־



ווען ווי פון זכרון ארויס, נאָר ווערטער ווי פון אַ בוך אַרויסגעלייענט, אַ געשיכטע וועגן דריי האָלענדער, איינער פון זיי אַ ייד, און בלויז דער קריסט, פראַנץ איז פאַרבליבן און צוזאַמען מיטגעוואַקסן מיט די יידישע לייד און פרייד, האָפנונג, געזאַנג, אַרבייט און קאַמף.

נעבן דעם קבר איז אויך געווען דאָס רו־פּלאַץ פון גלעדי, איינער פון די ערשטע פּיאָנערן פון דעם קיבוץ. אַ ליבער און טייערער חבר געווען. מען האָט אים באַערט. זיין נאָמען איז איבערגעגאַנגען אויף דער איינזידלונג.

זיין אלמנה איז נאָך איצט טעטיק אין כפר גלעדי.

מיט דעם פאַרגיי פון די שטונדן איז שוין ווייט אונטן, אין דער איינזידלונג, שטילער געוואָרן. דאָס געקלאַפּ וואָס האָט זיך פריער אַרויפגעטראָגן, האָט זיך שוין זעלטענער געהערט.

אין האָריזאָנט האָט שוין די צוגליטע דימאַנט זון זיך צורויטלט, געצונדן אין גאָלדענע שימערירענדיקע פייערן, און אַרום זיי האָט זיך אויך שוין געביטן די העל־בלויקייט אויף טונקל בלוי.

מיין זון, מאָריס, איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי די פיס פון טרומפּלדור מאָנומענט, ניט געקענט אָפּרייסן זיין בליק פון די שוין איצט טונקל ווערנדיקע פעלדער, וואָס האָבן זיך אונטן אויסגעשפּרייט, און ווי אַ כסדר דורשטיקער האָט ער אַלץ געוואָלט אַרויפברענגען אויף פּאַפּיר אין שוואַרץ און ווייס, און קאָלירן.

מאַניאַ שוחט איז נאָך אַלץ ניט מיד געוואָרן צו רעדן און דערציילן די געשיכטע פון כפר גלעדי, וואָס איז איינס און אַ גאַנצקייט מיט תל חי.

אין יעדער פון די קברים זיינען צוזאַמען מיט די ביינער באַגראָבן געוואָרן אָפּגעריסענע בלעטלעך פון דער דאָזיקער געשיכטע, אָבער פּונקט אַזוי ווי די נעמען און די געשטאַלטן, אַזוי לעבן און וועלן פאַרבלייבן די אָפּגעריסענע בלעטלעך אין דעם געוועב פון די פאַרגאַנגענע און פון אונזערע איצטיקע טעג ביז צו דער ווייטער צוקונפט פון אונזער פאָלק.

טוב למות בעד ארצנו.

דער לעצטער אויסרוף איז געקומען אין די מינוטן, ווען דער קאַמף אוועקצושטעלן און באַפעסטיקן די ערשטע שריט איז נאָך געווען אין חלום, אַן אוטאָפּיע, אַ וויזיע וועגן די ליכטיקע טעג וואָס וועלן אַמאָל קומען.

איצט ווערט רייף די לאָזונג אַז עס איז גוט און ווערט צו לעבן אין ישראל, פאַר ישראל, ווייל אַנשטאָט שומרים שטייען שוין אַרמייען פאַר באַשיצונג פון די קבוצים און פון דער מדינה פאַר וועלכער טרומפּלדר האָט אין זיין גסיסה געלאָזט הערן זיין גרויס וואָרט אין ליבשאַפט צו דעם יידישן היימלאַנד.

דו האָסט מעגלעך געמאַכט, אַז צו דיין טוב למות בעד ארצנו זאָל אויך צוגעשטעלט ווערן דעם טוב לחיות בעד ארצנו.

מיר זעגנען ווידער שטיין געבליבן אין פראָנט פון דעם יוסף טרומפּלדור מאָנומענט.

עס האָט זיך געדאכט, אז מיט דעם אָנקום פון בין השמשות האָט זיך דאָס מויל פון לייב נאָך ברייטער צועפנט, געשטייפט די אקסלען, אַראָפּגע־קוקט איבער דער גליל און איבער דעם גאנצן ווייט אַרום, ביז צו די אור־אלטע גרענעצן פון מדינת ישראל, און געוואָרנט, אז דער שונא זאָל ניט וואַגן זיך צו דערנענטערן, און אז ער זאָל זיך אָפּרוקן פון דעם באָדן, וואָס איז ביז איצט אין זיין באזיץ, און וואָס באלאנגט און וועט באלאנגען צו דעם פאָלק, וואָס קערט זיך אום אהיים פון אלע גלות׳ן.

אין מאניא שוחט׳ס קול האָט זיך שוין איצט גֿעפילט אַ וויכע בענקשאפט, וואָס דער ישראל בין השמשות האָט צוציטערט אין דער נשמה.

די ווערטער זיינען געוואָרן שטיל, ווי פון פארטראכטקייט אַרויסגעזאָגט„ און די מעשיות וועגן תל חי האָבן זיך צוריק געצויגן און פארטוליעט אין זכרון ווי אַ אָנדענק פון אַמאָליקע גליקלעכע טעג פון אידעאל פיאָנערשאפט.

די שאָטנס פון אָוונט האָבן זיך שוין אויסגעשפרייט צווישן די קברים, און אונטן אין כפר גלעדי האָבן זיך שוין צוצונדן די עלעקטרישע לעמפלעך אין די שטיבלעך און קיבוץ געביידעס.

מאניא איז געגאנגען אין דער מיטן, אונז געהאלטן ביים אָרעם, און עס האָט געפעלט דאָס וואָרט איר צו דאנקען פאר דער הארציקער חבר׳שאפט צו צוויי באזוכער.

פון וועג־אַרויף האָט זיך שוין מער ניט אָנגעזען תל חי נאָר בלויז דער שפּיץ פון לייב׳ן קאָפּ איז נאָך געווען באדעקט מי׳ט דער לעצטער צוגלי רע־פלעקציע פון דער פארגייענדיקער זון.

---

## אריה שדמי — שאפענפעלד (קבוץ דן, ישראל)

### אט קומען זיי די רעשטלאך ...

געווידמעט בן־א. סאָכאַטשעווסקי׳־

1

אָט קומען זיי די רעשטלעך אָן פון אלע זייטן,
לעצטער ייד פון לאנד ווו און פון שטאַם —
פון לענדער ווו פארוואָרפענע, פון ווייטן,
פון אלע עקן וועלט, דורך יעדן ים.

אָט קומען זיי די רעשטלעך, אַ יעדער אויף זיין שטייגער;
ווער ס׳גייט יאָרנלאנג צופוס און ווער מיט עראָפּלאַן —
אַ מאָדנע לאנד ישראל, אָן אנדערשס אָבער אייגנס,
און יידן דאָ פארשידענע, פארשידענע פאראן . .



אָט קומען זיי די רעשטלעך פון וועלט דורך אלֶע ברעגן;
אַ יעדער מיט זיין עבר קומט, פירעכץ און זיין טראכט —
דורך ים און דורך יבשה, דורך וועגן און דורך שטעגן,
ס׳האָט זיי דאָס גרויסע וווּנדער אַהיים אהער געבראכט.

אָט קומען זיי די רעשטלעך אָן פון אלע זייטן;
עס ציט און ציט די טשערעדע פון בערג אהיים און טאָל,
אָט קומען זיי די יידן אַהיים פון אַלע ווייטן —
אָט קומען זיי די רעשטלעך, קומען קיין ישראל!

2

אַזויפיל פעלקער דאָ פון וועלט פון אלע עקן;
אַהיים געקומען מ׳איז אצינד אהער —
צום לעבן דעם שפּאָגל־ניי אנטפלעקטן,
צום לעבן ווי אַ פאָלק אויף מאמע־ערד.

פעלקער דאָ: יידן, יידן, יידן —
יעדער מיט זיין לשון און זיין טראכט,
געקומען אויף גרויסן יריד דאָ
און זיבעציק לשונות מיטגעבראכט...

אַזויפיל פעלקער איצט אין לאנד און שפּראכן,
אַזויפיל לעבנס גיריקע אין שויס,
צעשלענגלטע אויף גאסן און אויף שליאכן
פראלן טיר און טויער אויף אין הויז.

איז גוט אזוי און וויל צו אונזער אומה,
צעשטראלט איז אונזער זיין דאָ און צעהעלט —
אָט קומען זיי די יידן, אלע קומען,
קומען זיך צונויף פון גאָרער וועלט...

„דאס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם“
די נייע פאעמע פון דער דיכטערין חוה ראזענפארב
צו באקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פרייז 5/6 —
ביבליאָטעקן באקומען דאָס בוך פריי.

לעא קעניג

# די שיינע שבעה

(המשך)

## קאַפּיטל 2

## אויפן בית־עולם

שוין אויפן בית־עולם, באלד ווי די ערשטע לאפאטעס מאמע־ערד האָבן אָנגעהויבן טויבלעך פּויקן אויפן ארון, האָט מען געקענט בפירוש זען, אז דער נפטר וועט האָבן אַ שיינע שבעה.

שמחה, דער הויפּט־קאָמאנדיר פון אלע גאָלדבלומישע חתונות, בריתן און „ענגיידזשמענט־פּארטיס״, האָט אויך דאָ, ביים פרישן קבר פון זיין בעסטן פריינט און לאנדסמאן, געקאָמאנדעוועט.

עס קען זיין, אז ס׳האָט זיך אזוי אויסגעוויזן צוליב זיין הויכער שטימע, צוליב זיין הויך־קלינגענדיקער שטימע און צוליב זיין „פּארביזעט״ זיין, האָט מען אויך נישט געקענט באמערקן צי ער באדויערט אַצינד אויף אַן אמת, צי ס׳ארט אים נישט איבריק.

און זיין שטימע האָט אויפן שטילן בית־עולם — מיט די אלע ווייס־גרוילעכע שטיינער און מיט דער קילער, ווייכער שטילקייט און פארטראכטקייט, וואָס איז אויף די מצבות געווען אויסגעשפּרייט, ווי עפּעס אַ לופטיקע קאָלדרע — ווי אויף צו להכעיס נאָך העכער געקלונגען. קיינער האָט נישט געזען ווי ער האָט ווי אַן אמתער מאן אָפּגעווישט אַ טרער אין איין אויג־ווינקל און זיך ווידער גענומען קאָמאנדעווען:

אָפּגעשטופּט די פּארוויינטע פרויען אזוי „מעטער אָוו פעקט״ און הארטלעך; אליין די ערשטע לאפּאטע ערד ארויפגעשאָטן און דערנאָך די זין אויף שטום־לשון אונטערדערלאנגט די לאפּאטע. ער האָט זיך נישט געבייזערט צופיל דאס מאל, און אז אַ פּאָר פון די זין זיינען אונטערגעבראָכן און פּאָרט נישט געקענט נעמען די לאַפּעטע אין די הענט, האָט ער געשוויגן, נאָר אַ הויכן, טרויעריקן „הו־מא״ שטיל אַרויסגעדונערט.

דערנאָך האָט ער די ווייבער לייכט מיט די עלנבויגנס באזייטיקט און אַ ווונק געטון צום חזן. און מען האָט געקענט זען, אז דער חזן האָט פארשטאַנען שמחה׳ס ווונק און געטאָן זיין „בעסט״ צו מאכן אַ שיינעם „אל מלא רחמים״. דער רירעוודיקער רעוורענד האפּסטון, מיט די צוויי קליינעטשקע שווארצע אויגן און מיט דעם פעך־שווארצן סימן פון אַ בערדל, וועלכע האָבן צוזאמען אויסגעזען ווי אַ שווארצער סגול אויף זיין פּנים, האָט שמחה׳ן גוט געקענט און מיט אים אלס „קאסטימער״ זיך שטארק גערעכנט.

אליין קיין קינדער האָט טאקע ר׳ שמחה נישט, אָבער דערפאר זיינען די אלע גאָלדבלומישע חתונות און שמחות, ווו מען דארף אַ רעוורענד, זיינע שמחות און ער — דער מחותן. ר׳ שמחה קען אויך רעקאָמענדירן בריתן און



שמחות מער ווי ווער ס׳איז אנדערער ייד אין מערב און מזרח־לאָנדאָן.

— צו זיין פארשריבן אין ר׳ שמחה׳ס גוטע ביכער איז בעסער ווי צו אדווערטייזן אַפילו אין דער „דזשואיש קראָניקל״.

דער רעוורענד האפּסטון האָט דאָס געוווסט, און קוקנדיק מיט אַ הנאה אויף די אלע גאָלדבלומס און זייערע ווייבער, האָט ער דאָס מאָל באמת אַ שיינעם „מלא רחמים״ אוועקגעלייגט... ר׳ שמחה, דער שטענדיקער „גראָמבלער״, איז דאס מאל אויך געווען צופרידן פון דעם חזנס עברי... כאָטש אַ שטיקל אפּיקורס און אַ שטיקל סאָציאַליסט, האָט ער אָבער אלץ נאָך ליב די היימישע עברי — די עברי פון די היימישע שולעכלעך און חזנים אין פּוילן; און כאָטש ער איזשוין אין ענגלאנד קרוב צו דרייסיק יאָר האָט ער נאָך אלץ פיינט די עברי פון די ענגלישע יידן און זייערע רעוורענדס. די ענגלישע עברי שמעקט שמחה׳ן אַ שטייגער ווי קוגל מיט בעיקאָן...

— היימישע עברי, אַ מחיה, אין אלע אברים צעגייט זי זיך. אז ער וויל, קען ער, דער האפּסטון, — האָט ר׳ שמחה געטראכט און דערביי פארטריבן אַ נישט געבעטענעם געדאנק, אז דער האפּסטון שפּילט אויך אַן אייזערנע „סאָלאָ״. די ענגלישע יידן האָבן ליב ענגלישע עברי מיט די מלופימס, די ווערטער זאָלן זיך ווארפן אין מויל, ווי הייסע קארטאָפליעס, גיט ער זיי. אָבער אים, ר׳ שמחה׳ן, קען מען נישט בלאָפן... האָט ער אים אַצינד טאקע געגעבן היימישע עברי! ס׳איז געווען אַ מחיה; דער אלטער אליין וואָלט שטארק הנאה געהאט פון דער עברי, ווען ער קען זי הערן...

אָבער דער עיקר איז געקומען נאָך דעם „מלא רחמים״: ווי אַ „קווייער־מאסטער״ איז ר׳ שמחה געשטאנען עפּעס אויף אַ בערגל ערד צי אויף אַ שטיקל פון אַ שכנהשער מצבה — ער איז געווען צו צעטראָגן, אז ער זאָל זען אויף וואָס ער שטייט — און כמעט אַ גאנצער מנין זין איז געשטאַנען, ווי אַ שווארצע האלבע לבנה ארום דעם קבר, אלע מיט שווארצע, הארטע היט אויף די נידריקע, פעסטע גופים און מיט סידורימלעך אין די הענט געזאָגט קדיש.

אַלע האָבן געזאָגט — פונם עלטסטן ביזן יונגסטן, דעם „ספּאָרט״ מיטן גוי׳שן קאָפּ, אין וועמעס סידור ר׳ שמחה האָט אַריינגעקוקט צי ער זאָגט ריכטיק.

אַ מנין אייגענע זין האָט געזאָגט קדיש. עפּעס ווי אַ קליין שולעכל וואָלט אימפּראָוויזירט געוואָרן ביים אָפענעם קבר. און זייער קדיש זאָגן מיט די פארשיידענע נידעריקע, אומעטיקע, הייזעריקלעכע טענער, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי נישט גלייכע ערדענע טרעפּ, האָבן נאָך שטילער געמאכט דעם בית־עולם.

ס׳איז געווען שטיל, שטיל. מען האָט אזש, ווי פּלוצלינג, דערהערט די פייגעלעך זינגען, צוויטשען אין די אלייען, אזוי לעבעדיק, ווי באטאָנענדיק די אייביקייט און לעבעדיקייט פון טויט.

אלע האָבן געהערט ווי די ניין זין זאָגן קדיש. פון וויטן, צווישן די ווייסע מצבות, זענען ווי פון דער ערד אויסגעוואקסן איינציקע, שווארצע גע־

שטאלטן און געבליבן שטיין גלייך און זיך צוגעהערט צום קדיש. מען האָט הי׳ פון ווייטן געקענט הערן ווי זיי טראַכטן:

— קיין עין־הרע!...

אָבער דער הויכער ר׳ שמחה איז טאַקע געווען אַ „מאַלאַדיעץ״: די שנורן — אַ חוץ דער גרויס־גיפּטיקער, יחוסדיקער סאַפּי, וועלכע איז קיינמאָל נישט צופרידן — מיט די רויטע געשוואָלענע אויגן, האָבן אים קיינמאָל נישט אַזוי באַוווּנדערט ווי אויפן בית־עולם אַצינד, ווען מען האָט „אַפּטער אָלל״ זיין בעסטן פריינט קובר געווען.

— טהער איז עי מען פאָר יו — האָבן זיי שטיל, צווישן זיך, איבערגערעדט; אָבער גענוג הויך, אַז די מענער זאָלן דעם „שטאָך״ דערפילן.

דערביי האָט איינע באַטראַכט דער צווייטערס אויגן, צי זיי זיינען גענוג פאַרוויינט, צי ניין; און עס איז זיבען באַהאַלטן.

ר׳ שמחה האָט קיינעם פון די זין נישט געלאָזט זיך „באַדערן״ מיט די אבילות־פאָרמאַליטעטן, וועלכע מאַכן אַזוי מענטשלעך־לעבעדיק אַפילו אַ לוויה. אַפילו דעם עלטסטן זון, דזשעקן, וועלכער האָט שוין אויפן בית־עולם אָנגעהויבן אויסקוקן נאָך ענלעכער צום פאָטער און האָט שוין שטאַרקער גענומען פילן, אַז ער דאַרף, אַלס בכור, פאַרנעמען דעם „פּרעזידענטס״ פאַראַנטוואָרטלעך אָרט — האָט ר׳ שמחה נישט געלאָזט זיך מישן אין די פאַרשיידענע ענינים, וואָס מען האָט געדאַרפט באַזאָרגן.

— איטס אָלרייט, באָי, — האָט ער מיט זיין שטיל־הויכער שטימע אַ זאָג געטון דעם בכור, ווען יענער האָט זיך געוואָלט אַריינמישן און זיך אַזש גענומען צום בייטל — איכ׳ל שוין אַלץ „סעטלען״.

דזשעקן האָט אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן פונם וואָרט באָי. ער איז שוין איבער די פערציק און דער גוטער ר׳ שמחה, וועלכער איז אפשר מיט אַ צען יאָר אינגאַנצן עלטער פון אים, האָט אים איצט אַזוי רירנדיק אָנגערופן „באָי״. עס האָט זיך אַזש פון דאָס ניי עפּעס ווי פאַרקניפּט אין האַלז און ער האָט זיך אַ פּאָר טריט צוריקגעקערט צום קבר און זיך צעכליפּעט.

זעענדיק ווי דער בחור האָט זיך נאָכאַמאָל צעכליפּעט, האָבן אַלע, באַזונדערס די שנורן און די טעכטער, זיך ערשט פון דאָס ניי צעוויינט.

אַלע האָבן בשעת מעשה געפילט, אַז „דער נייער קאָפּ פון דער פאַמיליע״ האָט איצט אָפּגעטון אַ ריכטיקע זאַך און דערפאַר שוין מיט מער דרך־ארץ געקוקט אויף אים. אָבער ר׳ שמחה איז אַ מאַן. ער האָט באַזאָרגט אַלע קינדער מיט די קריעות און אַפילו אַכטונג געגעבן — שוין אַלס אויפגעקלערטער מענטש — אַז דער בית־עולם שמש זאָל נישט אינגאַנצן קאַליע מאַכן זייערע קליידער. זיך האָט ער אַליין אָנגעשניטן דאָס לאָך פון אַ לאַץ.

זיך אָפּגערעכנט מיט דעם בית־עולם שמש און די אַלע מאָדנע, עפּעס אַנדערש אויסקוקנדיקע בעטלער, וואָס יאַוויען זיך אויף אַ בית־עולם בשעת אַ לוויה, ווי ווּאַראָנעס, ווען זיי דערשפּירן אַ פרישן מת — האָט ר׳ שמחה נאָך „געמענעדזשט״ צו זיין דער ערשטער פון דרויסן ביים גאָלד־געפּאַרבטן, אָר־



נאָמענטירטן טויער.

פאָרלעכוויז, איינציקוויז און אין קופּקעס צו דריי, האָבן זיך די אבלים, ווי נאָך אַ זייער שווערן תענית, געשלעפּט פונם קבר אויף דער לאַנגער, זאַמדיקער סטעזשקע צווישן די צוויי שורות ביימער. און פּלוצלינג, זעט נאָר, זעט, ר׳ שמחה שטייט שוין פון יענער זייט טויער, דער הוט פאַררוקט, רויכערט אַ ציגאַרעטל — אויפן בית־עולם טאָר מען נישט רויכערן — און קאָמאַנדעוועט שוין מיט זיין הויך קול מיט די שאָפערן פון די שיינע, שוואַרצע קאַרעטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אַזוי קאַלטבלוטיק אינם קריסטלעך־זונטאָגדיקן געסל אַנטקייגנאיבער דעם בית־עולם און געוואַרט אויף די פאַרמעגלעכע יידישע אבלים.

ער האָט שוין געזען, אַז די קאַרעטן זאָלן זיין אויף זייער אָרט, יעדער פון די אבלים זאָל זיך אַריינזעצן אין דער קאַרעטע, אין וועלכער ער איז געקומען צו פאָרן. קיינער פון די אבלים זאָל זיך נישט פילן באַליידיקט. יעדער איינער, באַזונדערס די שנורן, זאָלן זיצן לויט זייער יחוס אין דער ערשטער, צווייטער, דריטער, א.אז.וו. קאַרעטע. און וואָס נאָך ערגער איז: עס זאָל, חלילה, עמיצער נישט בלייבן אינגאַנצן אָן אַ פּלאַץ צוגעטיילט.

ס׳איז גאָרנישט קיין גרינגע אַרבייט איינצוטיילן כבודים צווישן אבלים. אפשר נאָך שווערער ווי צווישן מחותנים בעלי שמחה, ווייל די אבלים פאַרשווייגן בשעת מעשה זייער באַליידיקונג, אָבער זיי פאַרגעסן זי נישט.

אָבער ר׳ שמחה איז געווען אַ בריה אויף אַזעלכע זאַכן. אויך אויף זייערע חתונות האָט ער איינגעאָרדנט די טישן און אויסגעלייגט די צעטעלעך מיט די נעמען פון די געסט, ווו און ווער עס זאָל זיצן.

געוויינלעך, האָט מען שטענדיק געהאַט טענות צו אים: דעם און דעם האָט ער פוגע בכבוד געווען און געגעבן אַ פּלאַץ נישט אויבנאָן; און אַן אַנדערן האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן.

— ס׳טייטש, ר׳ שמחה עקשן! — אַמאָל האָבן אים די גאָלדבלומס גערופן „עקשן״, אַמאָל „גראַמבלער״ און אַמאָל „וויצע פּרעזידענט״ — ס׳טייטש, ר׳ שמחה עקשן, ווי נעמט מען עס אַ „קאַפּל״, וואָס האָט זיכער די ווערט אַ פופציק טויזנט פונט און מען זעצט זיי אַוועק ביי דער טיר!... אָבער ר׳ שמחה האָט זיך גוט געקענט אויך אויסדרייען פון די טענות:

— אָו־וואַ, פופציק טויזנט פונט! האָסט אַליין דאָס געלט געציילט? אָו־וואַ, אָו־וואַ... און, זעסטו, ביי מיר איז אַ קרוב, אַן אייגענער, מער מיוחס, ווי אַ פרעמדער נגיד... און „נעקסט טיים״ וועל איך זיך נישט מישן אין אייערע שמחות, און איר קענט זיך אַליין טון ווי אַזוי איר ווילט!

אָבער אָן ר׳ שמחה׳ן האָט מען דאָך נישט געקענט אויסקומען ביי פאַמיליען־שמחות. ער האָט געקענט קומען אַפילו מיט דער דעה זיך אינגאַנצן נישט צו מישן און זיין אַ מחותן צוגלייך מיט אַלע מחותנים, אָבער לאַנג שטיין אָנגעבלאָזן, מיט זיין קרענקלעכער מיסיס און שפּיגלען זיך אין די גרויסע שפּיגלען, מיט זיין מעלאָקרינאָ ציגאַרעטל אין מויל — און אַזוי ווי

ס׳איז אַ טייערער ציגאַרעט, האָט ער זיך געמאַכט אַ פּרינציפּ ביי קיינעם נישט נעמען און קיינעם נישט געבן — האָט ער נישט געקענט; ס׳האָט אים געהויבן פון אָרט.

— וואָס טוט איר? וואָס טון זיי?

ער שרייט — אַפילו ווען ער רעדט שטיל און בורטשעט — אַזוי לאַנג ביז אַלע דערזען, אַז ער איז גערעכט און מען נעמט זיך ביי אים בעטן:

— נו, שמחה, זיי נישט קיין עקשן...

ביז דער „פּרעזידענט" עליו השלום אַליין פלעגט צו אים צוגיין אינם צילינדער הוט און ציגאַר אין דער רעכטער האַנט, וואָס האָט קיין גראָבן פינגער נישט געהאַט:

— נו, וואָס שטייסטו, חכם מיינער? קום און נעם אַ טרונק בראַנפן.

— אַז אייערע זין מיינען, אַז זיי זענען גאַנצע ענגלישע חכמים...

ביז ער פלעגט אַזוי אַרום ווידער אַריינגעצויגן ווערן אין זיין אַרבעט פון קאָמאַנדעווען.

אויך איצט, אויף דער לוויה, זענען נישט אַלע זין, שנורן און טעכטער געווען אינגאַנצן צופרידן מיט זיין „מענעדזשמענט", כאָטש זיי האָבן אים כמעט אַלע באַוווּנדערט.

דאָס, וואָס ער האָט די עלטסטע צוויי זין, מיט זייערע ווייבער און מיטן רעווערענד אַריינגעזעצט אין דער ערשטער קאַרעטע, האָבן אַלע צוגעגעבן, אַז ס׳איז געווען אַ „מאַסטערלי סטראָוק". אָבער פאַרוואָס האָט ער רייטשלען אַריינגעזעצט מיט די צוויי יונגערע זין און מיט זייערע גאָר „סמאַרטע" ווייבער און נאָך נעבן דער יחוסדיקער סאָפי אין איין קאַרעטע! זי, רייטשל, קען טאַקע זיין אַ לאַנדספרוי און אַ ווייטע קרובה, טאַקע שמחה׳ס אַליין, אָבער זי איז דאָך נישט מער ווי אַ הויז־פרוי געווען ביים אַלטן גאָלדבלום, אַ קעכין, און זעט אויס ווי אַן אמת־ווייטשעפּעלער יידענע! וואָלט נישט געווען גלייכער, ווען ער זעצט אַריין דעם יונגסטן איידעם, דעם אַרטיסט, מיט זיי? און פאַרוואָס האָט ער די צוויי טעכטער מיט דעם עלטערן איידעם, וועלכער איז ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק געווען אַ שניידער און ער זינגט נאָך איצט „ראַשן סאָנגס" און די „דיסגאַסטינג" לידלעך פונם יידישן טעאַטער מיט די דריי יונגסטע באַיעס געגעבן די צווייטע און נישט די דריטע צי די פערטע קאַרעטע?

און קיינער האָט אים נישט געבעטן זיך אַליין מיט זיין פרוי און מיט דער זעלבער רייטשלס טאָכטער און איידעם און נאָך אַ פּאָר ווייטערע אבלים אַריינצוזעצן זיך אין דער לעצטער קאַרעטע! קיינער בעט אים דאָך נישט צו זיין אַזוי ענוותדיק.

און פאַרוואָס האָט ער געלאָזט דעם אַרטיסט פאָרן אַהיים פונם בית־עולם מיטן „באָס"? אמת. אָט דער אַרטיסט, אָט דער מיסטער קלאַנג האָט עס אַליין געוואָלט. און ווער האָט אים געבעטן אָט דעם שיינעם איידעם קומען אויף דער לוויה מיט אַ פריינט — אַן „אַרטיסט־טשעפּ" ווי ער אַליין, וויזט אויס — און זיך מיט זיין פריינט אַרומדרייען אויפן בית־עולם, ווי פרעמדע, און



בשעתן קדיש־זאָגן שטיין מיט זיין פריינט און לייענען די אויפשריפטן אויף די פרעמדע מצבות!

מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, נישט אומזיסט איז דער אַלטער ע״ה — עס פאַרגעסט זיך נאָך צו זאָגן עליו השלום — נישט אַזוי צופרידן געווען מיט זיין יונגסטער טאָכטערס שידוך. און נישט אומזיסט האָט די אָרימע מערי אַזויפיל און אַזוי ביטער געוויינט ביים אָפענעם קבר פון איר פאָטער...

— אָט די אַלע און נאָך אַנדערע תרעומות, געדאַנקען און געפילן, האָבן זיך געפּלאָנטערט ביי די שנורן און קוים אַרויסגעקוקט פון זייערע רויטע פון טרערן געשוואָלענע אויגן.

מען האָט די געדאַנקען נישט אַרויסגעבראַכט. ס׳פּאַסט נישט. אָבער זיי האָבן זיך, ווי אַליין און נישט ווילנדיק, געוועבט אין קאָפּ. זיי זענען שוין גרייט געווען צו ווערן ווערטער אויף די פרויענס ליפּן, אָבער איינע האָט זיך פאַר דער אַנדערער געשעמט; ס׳פּאַסט נישט, ווי ס׳וואָלט זיך געוואָלט — באַזונדערס די יונגסטע צוויי שנורן — נעמען זיך צו די „פּאָודער פּאַפס" און די שפּיגעלעך אין די האַנטבייטלען. (זייערע אויגן זענען אויך געווען גוט פאַרוויינט) נאָר זיי האָבן עס נישט געוואַגט, גלייך ווי מען וואָלט עס נישט געהאָרט ביי „יידישע לאַו!" שמחה וואָלט סיי ווי נישט „געקערט" ווען מען קריטיקירט איצט זיין מענעדזשמענט. „וואָס ווייסן זיי, די יונגע ענגלישע קאַטשקעס"...

און ווייטער איז ער שוין צו „ביזי" געווען מיט פּלאַנען, זיצנדיק אין דער לעצטער קאַרעטע.

אַ קלייניקייט? וואָס ער האָט איצט אַלץ נישט צו פאַרזאָרגן, אַזאַ שבעה אינמיטן זיינע פּלאַנען האָט זיך אַלעמאָל ביי אים אַרויסגעריסן מיט אַ הויכן „בלחש", ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גערעדט:

— אוי־וואַ, אַ חלום! איז שוין שלמה אויך דאָרט. בע, מען קען קיין חכם נישט זיין, אַז ס׳קומט די צייט מוז מען גיין. ער האָט, נעבעך, געליטן זייער שטאַרק ביים סוף. בע, וואָס איז דען דאָס שטאַרבן?... גאָרנישט... דאָס מוטשן זיך פאַרן טויט, דאָס איז דאָס ערגסטע... אוי, אַ חלום... עס גלויבט זיך גאָ־אָר־נישט...

זיין קאַרעטע איז געבליבן שטיין פּלוצלינג.

— נו, וואָטסעמעטער אַגיין? — ר׳ שמחה האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון פענסטער. זיין שטייפער הוט איז שיער נישט אַראָפּגעפאַלן. ס׳האָט דראָבנע גערעגנט. אַ זונטאָג נאָכמיטאָג, פאַרמאַכטע געשעפטן, קופּקעס גרוי־יום־טובדיקע מענטשן ביי ביר־שענקען, וואָס דאַרפן זיך גיך עפענען. אַ רעשיקשכורלעך זונטאָגדיק קלינגען פון טראַמוויי און הודיען פון אויטאָבוסן. די גאַס איז גליטשיק, „סקידי". ביים ווינקל פון דער גאַס, וווּ עס קרייצן זיך שינעס, ליניעס פון טראַמווייען, שטייט אַ גרויסער, שווערער לאַסט־אויטאָ האַרט נעבן דער ערשטער קאַרעטע... אַ פּאָליסמאַן שטייט און פאַרשרייבט עפּעס אין אַ ביכעלע. דער גאַנצער פאַרקער איז אָפּגעשטעלט. אויף גיך איז ר׳ שמחה,

דער קאַמאַנדאַנט, אַרויסגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צום פּאָליסמאַן:
— מממאַ... שיער אַ שרעקלעכער „עקסידענט".
ווי אַ געטרייער קאָמאַנדיר נאָך אַ פּלוצלונגדיקער אַטאַקע אויף זיין אַר־מיי, איז ער געגאַנגען פון קאַרעטע צו קאַרעטע, אַריינגעקוקט דורך די פענ־סטער און אַלע אַבלים מיט אַ בלאַס, טרייסטנדיק שמייכל באַרואיקט:
— זעסטו שוין, ס׳איז גאָרנישט... ס׳איז גאָרנישט...
— וואָס אי׳געשען? — האָט אים מעקסי, רייטשלס איידעם, געפרעגט, ווען ר׳ שמחה האָט זיך צוריקגעקערט.
— גאָרנישט. מיר האָבן געקענט האָבן נאָך עטלעכע לוויות אין איין וועגס. „אַ לאָרי", אַן אייזערנער באַרג. און „מיינד יו", איך האָב זיי אָנגעזאָגט, די „דרייווערס", זיי זאָלן זיין פאָרזיכטיק... אָבער זונטאָג און אין די גאַסן... דער־פאַר אַליין האָב איך פיינט לוויות... האָסט שוין געזען אַמאָל אַ לוויה אָן אַן „עקסידענט"? איך — נישט... פאַרנדיק צו חתונות מאַכן זיך נישט אַזעלכע זאַכן...
— ביליוו מי, יו אַר רייט — האָט אים דער גוטמוטיקער מעקסי, מיט זיין געוויינלעכן פסוק, אָפּגעענטפערט. טאַקע צו חתונות מאַכט זיך עס נישט; „יו אַר רייט".
לכתחילה, האָט זיך דער יונגער לאַנדסמאַן מעקסי געשדכנט צו גאָלד־בלומס עלטסטער טאָכטער. נאָר אַזוי ווי זי האָט אים נישט געוואָלט און האָט זיך בעסער פאַרליבט אין דעם „חברה־מאַן", וואָס זינגט לידלעך, האָט שוין ר׳ שמחה געזען, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט רייטשלס טאָכטער: כמעט די אייגענע משפּחה.
ר׳ שמחה האָט אויך שוין געזען, אַז ער זאָל קריגן אַ נדן פון די גאָלד־בלומס, גלייך ווי רייטשלס אַ טאָכטער וואָלט זייער אַ טאָכטער און שוועסטער געווען...

ש. זאַלקין

## באַגינען

אין גרויע טומאַנען פאַרזינקען די שטערן,
די נאַכטיקע שאָטנס, אַ ווינטל צוזאָגט;
אויפן מזרח די וואָלקנדלעך רויטער ס׳ווערן,
אַ האָן עס צוקרייעט בראשית — עס טאָגט.

די פויגל דערהערן די פריילעכע בשורה,
צעפליען פון נעסטן מיט פלאַטער־געזאַנג;
די זון מאַיעסטעטיש אין גאָלד, און מיט גבורה,
צוקלינגט אויף די שטראַלן באַגינענדען גאַנג.



און דער נאַכטיקער חלום צוריסן — פאַרשוווּנדן,
דו עפענסט די אויגן, און זוכסט אים אַרום;
אויף וואָלקנס וואָס זענען אין פלאַמען געצונדן,
אין בלישטשענדע טראָפּנס אויף גראָז און אויף בלום.

נאָר פונקט ווי די נעכטנס דו קאָנסט נישט געפינען
און הויבסט אָן צו שמידן אַ נייערן טרוים,
אַזוי ווי דער זוניקער פרעכטיק באַגינען,
וואָס שפּרודלט מיט לעבן אויף ערד און אין רוים.



קאָמפּעזיציע ס. פּאַלמע

ס. פאלמע

## א הייזעלע אויף א בארג

כ׳האָב אַ הייזעלע אויף אַ באַרג געבויט
מיט פענצטער צוויי, אַ טיר און אַ דעכעלע אויף רויט.
היינט אַ גערטנדל מיט אַ קארשן־בוים אין מיטן: —
האָב איך קיינמאָל ניט מייך טיר פארשלאָסן, ניט געהיטן.

יום־טוב נעכטן; יום־טוב היינט און מיט האָפנונג אויף מאָרגן,
גאָר אָן זאָרגן
פאַר באַקליידונג און פאר קעסטן, —
ווי צוויי טויבן אויפן בוידעם אין די נעסטן...

יאָ, געווען איז דאָס אַ הייזעלע פאר צוויי,
זענען זיי געקומען, זיי,
ווי די שדים נאָך האלבע נאכט
און געלאַכט,
און צום לעצט די שויבן אויסגעבראָכן —
איז עס מער קיין יום־טוב ניט, נאָר אַ שטענדיקער אינדערוואָכן...

---

י. ה. לעווי

## איך האס יענע פרייהייט...

איך האס זיי, די פלאַפלדיק נארישע צונגען,
וואָס האָבן דערנידריקט דעם מענטשנס געשטאלט:
פאַרשפּראָכן אים פרייהייט מיט גליק דורך געוואַלד,
און בלוטיק צו פרייהייט און גליק אים געצוואונגען.

מיליאָנען משרתים געקויפט זיך, געדונגען,
מיט כבוד און שוחד געשמידט זייער גאנג;
פאַריינט זיי דורך בייזער געוואַלד און דורך צוואַנג,
ביז ס׳האָט זיי די שקר׳ע פרייהייט פארשלונגען...

איך האָס יענע פרייהייט און ס׳גליק, ווו באהאלטן
עס ליגט אין איר שאָטן, אַזוי ווי אין שלאנג,
מיט ערמה די סמים, די טויטנדיק גרינע.
איך האס און האָב פיינט זי בתכלית השנאה,
די כלומרשטע פרייהייט, וואָס רייט אויף געוואַלדן,
דעם מענטש צו באַגליקן מיט בלוטיקן צוואַנג.



## מרדכי גאטפריד — ליטעראַרישער באהעם פון ווין, איצט באַרימטער שרייבער אין ישראל

פון ש. ערנסט
(תל אביב)

מרדכי׳לע גאטפריד, דער העברעאישער דיכטער פון ווין, וואָס האָט זיך אפגעראטעוועט פון די נאַציס און איז איצט אין ארץ ישראל, איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע ליטעראַרישע באהעמען־טיפּן פון דער אידישער גאס, וואָס האָבן צום טייל אויך איבערגעצויגן קיין ארץ ישראל.

גאטפריד איז דער אמת׳ער קינסטלער באהעם, וועלכער אינטערעסירט זיך נישט מיט די מיינונגען פון אנדערע. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פארברענגט ער אין קאפע־הויז. ער איז איינער פון די נויט־ליידענדע שרייבער, וואָס איז צופרידן, אַז ער קאָן דעם טאָג איבערקומען.

זארגלאז און מיט אַ שמייכעל אויף אויף די ליפּן געהט ער פארביי אַלע פארפלאנטערטע וועגן פון לעבן, מיט א סאַטירישן שמייכעל געהט ער אנט־קעגן אַלע זיינע שטורם־ווינטן. ער בעטראַכט די וועלט אָפּטימיסטיש ביים קאָפע־טישל, וואו ער שרייבט זיינע לידער.

אין די דאָזיגע לידער זיינע קען מען געפינען אַלערליי פּאָעטישע דערגריי־כונגען, פון אפענע הארץ־וואונדן ביז געקליגטע קאפּ־מחשבות.

## האט זיך גע׳חבר׳ט מיט פעטער אלטענבערג

אין ווין איז ער געווען אַ גוטער חבר מיט׳ן באַריהמטן שרייבער „פעטער אלטענבערג“. ביידע פלעגן זיצן אין קאפע־הויז און שרייבן. גאטפריד האָט דאן רעדאַקטירט זיין חודש־זשורנאַל „רענעסאַנס“ (התחיה) און ער האָט דאַן צוגעדויגן איינינגע באַריהמטע גרויסע שרייבער. צו יענער צייט האָט ער געשריבן א סך לידער און ער האָט זיך שטענדיג אויסגעצייכנט מיט זיין געטאקטער שפּראַך. צוליב איין פערז — דערצעהלט גאטפריד — בין איך אַמאָל געזעסן גאַנצע צוויי נעכט און נישט געשלאָפן, און דער עולם האלט מיר פאַר אַ לייכטזיניגן פּאָעט. און דער דיכטער איז גערעכט, ווייל אין א סך פון זיינע לידער געפינט מען אן אויסגעשריי, זיפצן פון אַ געפייניגטער נשמה.

## זיינע פארשונגען וועגן חסידות

גאטפריד האט זעהר פיל געפארשט חסידות, זיין בוך „בית המדרש“, גע־דרוקט אין פראַנקפורט אין יאָהר 1915, ענטהאלט א סך שילדערונגען פון חסידישן לעבן. לעצטענס האָט ער אַרויסגעגעבן אַ נייעם ביכל, וועגן די וועלט־אנשויאונגען פון „חסידות“, וואו ער אנטפלעקט די שעהנקייט פון דער „חסידישער תורה“.

ווי זיינע פריהעריגע ווערק פארמאגט אויך זיין לעצטער ספר׳ל פּאָעטישן שוואונג און הארציגקייט.

## א. נ. שטענצל

### נישט געשריבענער בריוו

(פּרעלודיע)

1

נאָך וואָס שרייבן דיר דען אַ בריוו,
אַז אַן אות צו דיר מיין יעדעס גליד?
מיינע געדאַנקען אַרום דיר,
גראַמען גע׳זיווּג׳ט אין אַ ליד.

אוי ווי דו זאָלסט נישט זיין צו מיר,
צוריקגעהאַלטן אַזוי און שטייף,
איך הער דאָס קלאַפּן פון דיין האַרץ —
אַ מאַרזע־לענט וויקלט זיך מיין שלייף.

2

אָ, אַז אַ ליגנט עס איז שוין
יעדעס וואָרט, ווען ס׳איז אַרויסגערעדט!
און איז אַ ליד נישט פון ווערטער,
אַ מענטש דען נישט, ערלעכסטער פּאָעט?

אויף גאַס דרויסן פאַר מיין פענסטער,
אַזוי ליבלעך שפּילן זיך צוויי הינט,
אָ, ווי בין איך זיי מקנא,
ווי ערלעך זיי זיינען דאָס אַצינד.

3

אַ הונט געבונדן אויף אַ קייט,
ווען ער צעוויינט זיך אין לבנה־נאַכט — —
האָט דען ווען שוין וועלכער פּאָעט,
אַזאַ ליד צו לבנה פאַרטראַכט?

אָ, ווי נידריק עס איז דער מענטש,
אַז זיין ליבע צומאָל איז געדאַנק;
איז צו וואָס שרייבן דיר אַ בריוו,
אַז פון בענקשאַפט צו דיר כ׳בין קראַנק?

4

— ביי יעדן ריר פון טיר כ׳גיי זען,
צי שטייסט דו נישט דרויסן אויף דער שוועל?



עס האָט קיינער נישט אָנגעקלאַפּט,
מיין האַרץ איז עס וואָס קלאַפּט אַזוי שנעל.

— שאַ, פאַלט נישט שאַרכנדיק אַראָפּ,
פון דיר אַ פלינק צוגעשיקטער בריוו?
נישט אַפּרייסן ס׳זאָל זיך מיין האַרץ,
האַלט זיך איין מיין אָטעם אַזוי טיף.

### זיבן מאָל אַרומוויקלען מ׳קאָן די ערד

זיבן מאָל אַרומוויקלען מ׳קאָן די ערד,
מיט די געדאַנקען וואָס איך טראַכט פון דיר;
וועסט דו אין וויקעלעך זיי צעשניידן,
ווען אַ קינד דו וועסט אויסטראָגן פון מיר?

זיבן מאָל אַרומוויקלען מ׳קאָן די ערד,
מיט די געדאַנקען וואָס איך טראַכט פון דיר;
וועט מען מיט זיי מיין קבר אויסמעסטן,
נשמה־ליכטלעך אָנצוצינדן נאָך מיר?

זיבן מאָל אַרומוויקלען מ׳קאָן די ערד,
מיט די געדאַנקען וואָס איך טראַכט פון דיר,
און קוים אַ זיבן שפּאַן ס׳ציט זיך דער וועג,
וואָס פאַרוויקלט מיין טריט ביז פאַר דיין טיר.

### די באַגעגענונג

(סאָנעט)

אַז עס דאַכט זיך מיר, דו ביזט עס דאָרטן, יענע פרוי,
ווערט אַ הימל פון ביסעלע בלוי אין מיינע אויגן,
און מיט שווערע וואָלקנס עס ווערט באַלד איבערגעצויגן,
אין מיינע פאַרטונקלטע אויגן דאָס ביסעלע בלוי.

אָבער באַלד אַ וויגנדיקער גאַנג, דיינער, גענוי,
גלייך אויף וואָג־שאָלן עס וואָלט זיך מיין לעבן געוווּיגן!
און מיינע צוויי אויגן — איין געשפּאַנטער רעגנבויגן,
וואָלקנס, ווען ס׳קומט זיי אַקייגן די זון, פּונקט אַזוי —

אַ הימליש־בלויער ווונדערלעכער פּאַראַדע־טויער,
פון אונזערע פאַרפלאַכטענע בליקן אויפגעשטעלט,
אַרום אונז אַ שטילע שטייט ראַפּטים די גאַנצע וועלט.

אַזוי גייען צוויי פון אונטער אַ חופּה אַפּויער,
דעם שפּילנדיקן אָרגל טרעטן אונזערע טריט,
גאָט אַליין איבער אונזערע קעפּ דעם האָפּן שיט.

## SCHERZO

אַז דו פּילסט דעם צאַפּל פון מיין האַרץ אונטער דיינעם,
ווייסט דו דאָך אַ צאַפּלדיק קינד פון מיר אויסטראָגן,
איז עס דאָך בעסער אַז פון יענע ליפּעלעך,
דו זאָלסט זיך דערוויסן וואָס אַצינד כ׳וויל דיר זאָגן.

אַז יעדע רגע אָן אויפהער איך טראַכט נאָר פון דיר,
בין אויסגעפּילט מיט דיר ווי דיין טראַכט וועט עס ווערן,
ווייסט דו שוין מיט געפּלאַפּל פון יענע ליפּעלעך,
מיינע נישט פאַרשטאַנענע רייד דעמלט דערהערן.

וואָלט איך יונג געווען, איבעריק געווען וואָלט יעדעס וואָרט,
איצט אַז כ׳בין אַלט — אַ שאָד אַ רגע צו פאַרלירן!
און מיין געוויין ווייסט שוין פאַרנעמען אין יענע נעכט,
ווען אונזער קינד וועט ס׳ערשטע ציינדעלע דערשפּירן.

## ליבע ליד

1

כּסדר איך באַריר דיך מיט מיינע הענט,
ווייל איך מיין אַלץ אַ חלום איז עס בלויז:
אפשר ס׳איז עס דאָס טראַכטעניש פון מיין האַרץ,
וואָס שפּאַרט אַזש פון מיינע אויגן אַרויס.

ווי זיכער איך וויל דאָס זיין אַז דו ביזט עס,
מיט מיין יעטווידן גליד איך באַריר דיין לייב!
אָבער אפשר מוז מען אַ ריפּ זיך שניידן,
גאַנץ צו דערשפּירן ערשט: דאָס איז דאָס ווייב?

2

דיינע שוואַרצע אַפּלען אין מיינע ליפּן,
טרויבן איינס ביי איינס שלינג איך זיי אַזוי פלינק;
אַ פולער וויינשטאָק, קוים אַרומצונעמען,
דיין פולער לייב אַזוי געצייטיקט און גרינג.

פון דיינע ליפּן דאָס זאַפטיקע זיסע,
איך טרינק עס ביזן דנאָ, ביז לעצטן טראָפּ.



און אַ באַרוישטער אַזוי, אַ צעטומלטער,
אין אַ צעעפנטן תהום איך פאַל אַראָפּ.

3

ווי אין גאָטס האַנט גלייך דער געקנאָטענער ליים,
אַזוי קנעטן מיינע הענט דיין לייב אַצינד,
זע, פון מיין אָטעם איבער דיינע ליפּן,
אונטער דיין האַרץ קאָן לעבעדיקן אַ קינד.

מיט וואָס ווייניקער און וווּנדערלעכער נס,
אַז מענטש פון מענטש ווערט געבוירן אַזוי,
פון לייבהאַפטיקער ליבשאַפט פון לייב צו לייב,
ווי פון גאָט מעוברת ס׳ווערט אַ יינג־פרוי?

4

אָ, די מענטשן ווידער ליבן צו קענען,
מיטצושרעקן מיט זייער׳ע גרוילן און שרעק,
איבער יעדער בהלה וואָס קאָן קומען,
זאָל פון אימה־ציטער מיין האַרץ מיר אַוועק — —

צו שטיין איבער דער ערד ווי איבער אַ וויג,
ווען צו ציינדלעך ס׳גייט אַ קינד און ס׳שרייט און וויינט,
אַז ווערן ס׳זאָל אַדורכגענומען מיין האַרץ,
ס׳האָט זיך מיט דיינעם גע׳זיווג׳ט און פאַראייניקט.

## נישט געדאַנקען מער, נישט געפילן

נישט געדאַנקען מער, נישט געפילן,
לייב ביי לייב דאָס לעבן דערפילן;
פאַר שפּילכל קינד זאָל זיך שפּילן,
לייב און לעבן אַוועקצוגעבן.

נישט ביי דער זייט מער שטיין, דערנעבן,
ווי אַ פרעמדער זיך צוצוקוקן,
ווען בלוטיק און ווילד מסוכן
איבער דער וועלט ס׳מעסער נעמט צוקן.

פון שרעק צעציטערט און צעליטן,
שטיין איך וויל אין בלוטיקן מיטן;
דאָרט ווו די ווונד ווערט געשניטן,
לייב און לעבן אַוועקצוגעבן.

אַזוי־אָ ווי ס׳איז, איז דאָס לעבן,
און אַנדערש וועט עס שוין נישט ווערן!

זאָל דאָך די פרייד אונז נאָך געהערן
פון געאייביקטן ווידערקערן — — —

ווי וווּנדערלעך ווי שיין, ווי שענער!
דער שכל, צי משיג זיין קען ער,
די רגע פרייד פאַר איינציק יענער,
לייב און לעבן אוועקצוגעבן —
— — — — — — — —

ס'איז אַ שפּילכל דאָס לעבן!
לאָמיר דערמיט ווי קינדער שפּילן,
נישט געדאַנקען מער, נישט געפילן,
לייבהאַפטיק אַזוי עס דערפילן.

## מענטשן צוויי
**(קליינע באַלאַדע)**

בלינד שטייען די מויערן, מיד ציען זיך די גאַסן,
און מיליאָנען, מיליאָנען לויפן זיך פאַרביי,
און ווי אין אַ שפּיגל איינער קעגן אַנדערן,
**עס בלייבן שטיל שטיין מענטשן צוויי.**

**עס רייסן זיך מיליאָנען פון עק וועלט צו עק וועלט,**
אויף פלאַטער פון ווינטן, אויף רעדער געדריי,
און אייביק און געהייליקט, לויטער ווי אין שפּיגל,
בלייבן בלויז שטיין מענטשן נאָר צוויי.

ווי וווּנדערלעך זיי קוקן, גלייך אַ נס גייט געשען,
אין זייער בליק ווערט געבוירן די וועלט אויפסניי!
דאָס גאַנצע לעבן ס'איז דער וווּנדערלעכער רעם נאָר,
פאַר געשפּיגל פון מענטשן צוויי.

## הושע
(די וואַריאַציע דיר געווידמעט)

נישט קיין אָרט מער צווישן מענטשן ער געפינט,
נאָר ביזקייט און ליגנט לייענט ער פון יעדן אויג,
דער קלאַנג פון זייער וואָרט געשפּאָלטן און הויל,
חניפה און כיטרע יעדער הכנעה־פאַרבויג.

ס'איז די גאַנצע שטאָט איין סאַרפנדיקע קייט,
פון גניבה גזילה שקר און אומרעכט;
מיט כוח גייט דער שטאַרקער מיט פּאַלטש דער שוואַכער,
און ס'איז דער כהן פונעם קעניג דער לייב־קנעכט.



אויף אויסגעלאָסענע פּיס שטייט גאַנצע שטאָט!
אַ באַהאַלטענער בית־זונות ס'איז יעדעס הויז!
און אין בית־המקדש קומט מען זיך באַווייזן,
וועמענס זונה, אָנגעצירטער, זעט בעסער אויס.

זאַט איז די שטאָט, אַ גאָלד־געגאָסענער געץ!
און דער נביא, ווי מיט ביינדלעך, שפּילט זיך מיט רייד!
נישט קיין רו דאָ ער וועט שוין געפינען מער,
אָפּ־רייסט־זיך זיין האַרץ ווי פון סאַרפנדיקער קייט.

און ווען פון שטאָט אַרויס אַן אַנטלאָפענער, —
אַ משוגענער הונט צו פאַרקריכן זיך אין אַ הייל, —
נישט גאָטס ווערטער שפּירט ער טריפן פון זיין מויל,
עס סלינען זיינע ליפּן מיט גיפטיק געהייל.

תאוהדיק וואָסערט זיין מויל בלוטיקע רייד,
שאַרפע מעסער שפּיצן בליצן זיי פון זיין בליק,
אַ פאַרביטערטער פאַרבייסט ער די ליפּן,
דעם גיפט אין בלוט אַריין צו שפּריצן זיך צוריק.

נישט שטראָפן דעם מענטש, נישט אים אויסצובעסערן,
תאוהדיקע ביטערקייט ברענט זיין אינגעווייד!
אַ פלעדערמויז פאַרקאָלטנט אין זיין באָרד —
צעפלוידערט זיין מויל שוואַרץ צעפלאַטערט מיט רייד:

„גנב און גזלן און שקרן ס'איז דער מענטש,
אַ גיפט־מישער דער כהן מישנדיק גאָטס בלוט,
און טלית פון תכלת, וואָס דער שופט טראָגט,
צוצודעקן דאָס אומווערדיקע וואָס ער טוט.

„אָ, אַזאַ מין שטאָט וואָס גייט זי אים נאָך אָן?
זאָל זי דאָך אונטערגיין אין איר אייגענעם שמוץ!
אַלצדינג איז מסחר אויף וואָגשאָל פון נואף,
גאָלדשטיקלעך איז צעקלונגען זייער גוטס.

„אַזעלכע מענטשן, וואָס גייען אים אָן נאָך?
ביליק געשניצטע געטשקעס פון פאַרפוילטן האָלץ!
לויטן זאַלב־ריח פון די געשמירטע לייבער,
הייבן זיי די נעזער זייערע הויך און שטאָלץ.

„אַז הייליקער איז דאָך שוין די זונה אין שענק,
וואָס פאַרקויפט אָפן איר לייב פאַרן ביסן ברויט,
איז נישט דער פורפור־זייד, וואָס פאַרדעקט די שאַנד,
אָנגעזאָפּט מיט בלוט פון עלנדקייט און נויט — — —"

און ווען אויסער דער שטאָט, אין הינטער־געסל,
ביים פראָסטן פאָלק זיצן ער בלייבט אין שענק ביים ווין,
צעפינקלען זיינע אויגן בעכערס צווי פולע,
מיט בלוטיקן צאָרן שוימיק איבערצוגיין:

קעבס־ווייב אויף שויס, גלאָז אין האַנט זיצן זיי דאָ,
און אין דער היים פרוי און קינד הונגעריק אויסגיין,
אַ פארדינסט פון מאָרגן פארטרונקן שוין היינט,
איז דאָס לעבן פארמשכנט ביים שטן אַליין!

און ווי קאָן דאָס אַנדערש זיין, אַנדערש ווערן,
אַז דאָס איז דאָס פאָלק — — — פארציט זיך ביטער זיין מויל,
און זיין פנים אַ געגארבטער פאַרמעט פעל,
יעטווידער פאלט צעשריבן פול גיפטיקן גרויל.

אַ פולער לאָגל אין טונקלען ווינקל דאָ,
איז פארצויגן זיך האלז אַ פולער מיט געוויין;
אַז נישט אויסשרייען די ווערטער פון אים,
ווי אַ משוגע־הונט — די צונג צווישן די ציין —
— — — — — — — — — —

פון האַנט צו האַנט קלינגען פריידיק די גלעזער,
פול איז דאָס וויין־הויז מיט תאווה און מיט געזאנג,
צו זיין קני שארט זיך צו האלב נאַקעט אַ פרוי,
און קוקט אויף אים נישט מיט אויגן — מיט ציין־געבלאנק!

ווי זי קוקט דאָס אים אַדורך, ביז טיף אויפן דנאָ,
מיט אירע ציין זי וואָלט אים געשפאָלטן אויף צוויי!
און פון זיינע אויגן קוקנדיק אויף איר,
ווי אויסגערונען ס׳וואָלט פון אים זיין גאנצער וויי.

איר קול ווי ס׳גיסט זיך איבער זיין ביטער הארץ,
זיסער האָניק ס׳וואָלט פון אירע ליפן געטריפט!
שווערע גין־גאָלד טראָפן פון לויטערן קלאנג,
וואָלטן געזונקן אין אים אלץ טיפער פארטיפט:

„... נישט פון אונז דאָ, דו ביזט איינער פון אויבן,
ס׳זיינען פארלאָפן דיינע אויגן נישט פון וויין;
אַז לעבן עס וויל דער נידריקער מענטש,
מוז ער שוין אַ שלעכטיקייט אין לעבן באַגיין.

„דו, נישט בעסער מיר קאָנען מאכן די וועלט,
ווי גאָט האָט זי באשאפן זי איז גוט אזוי;



וויפיל בייזע עניים עס איז דאָ אין איר,
אזויפיל מער תענוגים עס טראָגט אין זיך די פרוי.

„די בייזע ביטערקייט פון דיינע ליפן,
כ׳וועל זיי אויסקושן מיט די זיסקייט פון מיין מויל,
און ווען דיין קינד וועט צאַפלען אונטער מיין הארץ
וועט ארויס פון דיינעם דיין צאפלדיק גרויל.

„אַ פראָסטע פרוי איך בין און ווייס עס געניי:
ברויך מען דען בעסער מאכן וואָס גאָט האָט געמאכט?"
און ווען איר קאָפּ איז אין זיין שויס געזונקען,
האָט ווי אַ לאַך־טויב זיין הארץ פריידיק אויפגעלאכט:

„איך וועל דיך פארקנסן צו מיר אויף אייביק,
איך וועל דיך פארקנסן צו מיר מיט רעכט און גנאָד,
און ווי גאָט האָט ליב די קינדער פון ישראל,
וועל איך דורך דיר ליב קריגן דעם מענטש און די שטאָט.

„אויף דיינע ליפן וועל איך וועגן דאָס וואָרט,
אין דיין לייב וועט לעבעדיק ווערן מיין געפיל,
און אויף וויפיל דער מענטש קאָן עס דערטראָגן,
מיט לייב און לעבן דערפאר צו ראנגלען — מיין ציל.

„אָ, ס׳קאָן אויך גערעכטיקייט ווערן אַ געץ,
אַ בעל תאווה־רוצח ווער עס דינט דערצו!
יאָ, נישט בעסער מיר קאָנען מאכן די וועלט,
אָבער הייליק פראָסט ווערן ווי דאָס פאָלק, ווי דו.

„זע, ווי אַ קינד אונטער לעפעלע פון הארץ,
צעוואַקסט אַ וואָרט אין מיר, ווערט לעבעדיק און גרויס —
— — — — — — — — — —"

אַ פולער בעכער האָט לבנה געהאָנגען,
ווען די לעצטע פון וויין־הויז זיי זיינען אַרויס.

אָנגעגאָסענע מיט ליבשאפט און מיט פרייד,
ווינקן די שטערן מיט גין־גאָלד צעבלינקטן ווינק;
האָלט אַ פרוי אים נ׳אָרעם, אָדער אַ מלאך?
באַפליגלט, צי בארוישט, טרעט זיין שריט אזוי גרינג?

אין טול־שלייערס זיידענע, ליכטיק בלויע,
אַן איינגעהילטע כלה, שטייט שטיל די שטאָט,
און זיין הארץ צו איר, אַן איבערגייענדיקס,
פול מיט רחמים, מיט דערבארמונג און מיט גענאָד.

אפרים טויבענהויז (חיפה)

# קולטור־טוער אין ישראל באערן יואל מאַסטבוים׳ן צו זיין יובילעאום

זעלטן־ווען קומט פאָר דאָ, אין ישראל, אַז די חשוב׳סטע קולטור־טוער, שרייבער און קינסטלער זאָלן אונטערנעמען אַן אויסגאַבע פון 10 בענדער כתבים פון יידישן שרייבער, ווי דאָס איז דער פאַל ביי יואל מאַסטבוים׳ן, וואָס זיין יובילײ איז אַן אמת׳ער קולטור יום־טוב. באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן, ווי ש. שז״ר (רובאַשאָוו), קולטור מיניסטער פון ישראל, אשר באַראַש — פאָרזיצער פון העברעאישן ליטעראַטן־פאַראיין, יוסף העפּמאַן — רעדאַקטאָר פון טאָג־צייטונג „הבוקר״, א. לעווינסאָן — רעדאַקטאָר פון „די גאָלדענע קייט״, דר. א. ראָזענפעלד — לייטער פון „ברית עברית עולמית״, דר. סנה פון מפ״מ ישראל ריטאָוו, דער פאַרשטייער פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, וואָס דאָס ווייזט די פּאָזיטיווע באַציאונג פון נייעם ישראל צום יידישן שאַפן.

מ׳דאַרף באַטאָנען, אַז דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט איז דאָ ביי אונז אין ישראל געוואַקסן פאַר דער לעצטער צייט. דער וווּקס איז קענטיק אי אין איכות און אי אין כמות.

מיט׳ן שטראָם פון די נייע עולים, דערהויפּט מיט דער ליקווידאַציע פון דער שארית־הפליטה לאַגערן אין אייראָפּע קומען כסדר אַריין אין לאַנד אַ גאַנצע ריי ליטעראַרישע כחות, ווי א. סוצקעווער, נח גריס, מענדל מאַן, יצחק פּערלאָוו, מ. גראָסמאַן, אברהם זאַק, מאַרק טורקאָוו, ש. בערלינסקי און פילע אַנדערע. זיי אַלע שמידן דאָ ווייטער דאָס יידישע וואָרט. גלייכצייטיק מיט דער אָריגינעלער יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געדרוקט אין לאַנד שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער בריק צווישן יידיש און העברעאיש, יואל מאַסטבוים׳ס ביז איצט דערשינענע ווערק: חליל הצוענים״, „במפחה״, ,חיים אדומים״, „דרכה של מרמה״, ששים יום בפולין״ און אַנדערע וואָס האָבן באַרייכערט אונזער נייער העברעאישער ליטעראַטור אין ישראל.

מאַסטבוים האָט ס׳רוב פון זיינע יצירות געשאַפן אין יאָרן פון וואַנדערוואַגלענישן אין יידישע שטעטלעך פון פּוילן און גאַליציע. די געפּלאַנטע 10 בענדער כתבים, וואָס דאַרפן אין גיכן דערשיינען, וועלן אויך זיין דיכטערישע און בעלעטריסטישע דאָקומענטן פון די אַלע וויכטיקסטע שטעטלעך פון דער אַלטער חרוב׳ער היים. פראַגמענט נאָך פראַגמענט ווייזט מאַסטבוים, דאָס יידישע לעבן, מאַנכעס מאָל ווערט עס ביי אים געשילדערט מיט דערציילישער עפּיק און אַמאָל מיט שטורמישן אויפברויז, וואָס צעטרייסלט דעם לייענער ביז׳ן שורש פון זיין נשמה.

מאַסטבוים האָט דאָ אין תל אביב געשאַפן אַרום זיך אַן אינטימען קרייז פון יונגע שרייבער, וואָס ווייסן ווי צו שעצן דעם גרויסן שמידער פון דער



גאָלדענע קייט פון יידישער יצירה, וועלכע באַגלייט אים זינט י. ל. פּרץ, הלל צייטלין און דוד פרישמאַן, וואָס יעדערער פון זיי האָט באַוווּנדערט מאַסטבוימס אייגענעם גאַנג אין יידישן שאַפן.

אין דער פרילינגס־תקופה פון העברעאישן זשורנאַליזם אין וואַרשע האָט אויך יואל מאַסטבוים צוגעלייגט אַ האַנט און האָט זיינע פּערלדיקע דערציילונגען געדרוקט אין „רשפים״ אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פרישמאַן, באַשיינען יעדע העברעאישע אַנטאָלאָגיע. מ׳ווערט פאַרכאַפּט לייענענדיק זיינע שריפטן, פון די לעבעדיקע געשטאַלטן, מענטשן־טיפּן; ס׳פאַרכאַפּט אייך דער פלאַמיקער טעמפּעראַמענט. דער אייביק זוכענדער גייסט, וואָס האָט געשאַפן אויף די פאַרשידנסטע געביטן פון דער ליטעראַטור, שרייבנדיק ראָמאַנען, נאָוועלן, זכרונות, פאָלקס־מעשיות, עסייען און פּאָעמעס.

ס׳איז אַ פרייענדע דערשיינונג אין ישראל, אַז אפילו אַ פּערזענלעכקייט ווי יצחק גרינבוים, וואָס לעצטנס גייט אָן אין דער פּרעסע אַ פּאָלעמיק מיט אים אַלס כלומרשטער פיינט פון יידיש האָט געפונען פאַר נויטיק צו העלפן אין דער אויסגאַבע פון מאַסטבוימס כתבים, דאָס ווייזט אונז, אַז ס׳איז פאַראַן אַ גרויסע ליבשאַפט צום דאָזיקן שרייבער, וואָס גלייכצייטיק מיט זיינע יידישע שילדערונגען פון גלות־לעבן, האָט ער אין זיינע ארץ ישראל דערציילונגען דערזען די ישראל׳דיקע אַרבעטערשאַפט.

אין לאָנדאָן האָט ער זיך באַפריינדעט מיט׳ן העברעאישן באַרימטן דענקער „אחד העם״, און זיין עסיי וועגן אים איז אַ פּערל אין אונזער ליטעראַטור.

מאַסטבוים איז געווען באַפריינדעט מיט אַלע יידישע שרייבער אין וואַרשע, און ער האָט אין העברעאיש אַרויסגעגעבן אַ בוך, ווו ער שילדערט דאָס ליטעראַרישע וואַרשע. טרעפלעכע שילדערונגען געפינט מען ביי אים און כאַראַקטער־פּאָרטרעטן פון י. ל. פּרץ, יעקב דינעזאָן, הלל צייטלין, דוד פרישמאַן, זוסמאַן סעגאַלאָוויטש און אַנדערע.

מאַסטבוים האָט געהאַט זיין אייגענעם קול באַלד פון אָנהויב. אין זיינע ערשטע דערציילונגען האָט ער זיך באַלד געוויזן ווי אַן אָריגינאַליטעט, אַ שעפערישער כח מיט אוממיטלבאַרער פּאָליטישער פיינפילקייט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק באַזונדערס אין זיין דראַמע „אָן אַ מעלאָדיע״, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט אָריגינעל טעמאַטישער באַהאַנדלונג.

דאָס בילד פון מאַסטבוימס שאַפן וועט נישט זיין גאַנץ, אויב מען וועט נישט צוגעבן זיינע ישראל־דערציילונגען. ס׳איז שוין 18 יאָר, ווי מאַסטבוים האָט פאַרבונדן זיין גורל מיטן גורל פון יידישן לאַנד. די דאָזיקע יאָרן זענען געווען כסדר יאָרן פון אינטענסיוון שאַפן. די העלדן פון נייעם ארץ ישראל, וואָס ווערן ביי אים געשילדערט, זיינען פייערדיקע טרוימערישע טיפּן און אויך פאַרשידענע אמת־זוכער, וואָס זוכן זייער תיקון.

מאַסטבוים איז פון די שרייבער, וואָס קוקן אויף זייער שריפטשטעלערישער אַרבייט, ווי אויף אַן „עבודת הקודש״. ער שילדערט דעם בונטן „קיבוץ גליות״. ווי נאָר ער איז געקומען אין לאַנד אַריין האָט ער זיך שנעל איינגע־

בירגערט אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור, ער איז געוואָרן אין איר אַ
בן־בית.

זיינע דערציילונגען פאַרמאָגן אַ שלל פון מאָטיוון. ער איז דער גרויסער
פשטן אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור פון ישראל. זיין צוגאַנג צו זיינע
לעבנס־טעמען איז אַ פּאָטערלעכע און אינטימע. דאָס מזל־ברכה פון דער אַל־
טער טראַדיציע פאַרכאַפּן אין זיינע פאָלקס־מעשיות און באַזונדערס אין זיינע
ירושלים־קאַפּיטלעך, אין די פיל־פאַרביקע טיפן פון ירושלימער אַלט־שטאָט.
זיין וואַכזאַמקייט האָט נישט איבערגעלאָזט קיין איין ווינקעלע אין ישראל,
וואָס זאָל נישט געשילדערט ווערן פון אים. ער איז אויך דער יידישער גע־
אַכטעטער שרייבער, וואָס זעצט פאָר אין ישראל די טראַדיציע פון אונזער
פאָלקס־שרייבער.

---

## ראָבערט שטריקער.*

די ליטעראַטור פון אונזער חורבן איז נאָך לאַנג נישט אויסגעשעפּט.
מען וואָלט זי אפשר געקענט איינטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: איינע וועלכע
איז אויסן נישט מער ווי איבערצוגעבן די פאַקטן אַזוי ווי דער מחבר באַנעמט
זיי. זאָל עס זיין פון זיינע אייגענע איבערלעבענישן אָדער פון דאָקומענטן. די
אַנדערע וועלכע איז באַמיט צו זוכן, און צו געפינען אַ תיקון, און צו דערגייין
צו באַשטימטע מסקנות. וואָס קענען מיר זיך לערנען פון דעם וואָס עס איז
געשען? פאַרשטייט זיך אַז די צווייטע קאַטעגאָריע קאָן נישט מער זיין ווי
סוביעקטיוו, און עס איז געווענדט אינם לייענער צי נעמט ער אָן די אויפפאַסונג
פונם מחבר, צי נישט.

יוסף פרענקל׳ס בוך איבער „ראָבערט שטריקער״, דעם באַקאַנטן ציוניס־
טישן מנהיג פון ווין, וועלכער איז אומגעקומען אין היטלערס גאַז־קאַמערן,
קאָן פאַררעכנט ווערן צו דער ערשטער קאַטעגאָריע. דאָס איז אייגנטלעך אַ
קאָלעקציע פון זכרונות איבער שטריקער׳ן, געשריבן פון זיינע נאָענטע פריינט,
אַליין פירנדיקע געזעלשאַפטלעכע און ציוניסטישע טוער. זיי אַלע נעמען אַרום
די פאַרשידענע זייטן פון שטריקער׳ס פּערזענלעכקייט, און אונטער דער רע־
דאַקציע פון פרענקל׳ן וועלכער גיט צו אַ קורצע ביאָגראַפיע, באַקומט זיך
אַ בילד ניט נאָר פון שטריקער׳ן, נאָר פון אַ גאַנצער עפּאָכע אינם לעבן פון
די עסטרייכישע יידן. אָט די עפּאָכע וועלכע איז געווען רייך און שטורמיש,
האָט זיך געענדיקט אין דעם טאָג ווען היטלער׳ס חילות האָבן אַריינמאַרשירט
קיין ווין, אין יאָר 1938. פון דעם טאָג אָן האָט געפירט אַ בלוטיקע
וועג איבער דאַכאַו, בוכנוואַלד, טערעזיענשטאַט קיין אוישוויץ. דאָס עסטריי־
כישע יידנטום, אַלס אַ קאָלעקטיוו, מיט זיינע פּאַרטייען, וויכוחים, דערגריי־
כונגען און דורכפאַלן, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אמת, טויזנטער

---

*Robert Stricker, edited by Josef Fraenkel, London 1950.



עסטרייכישע יידן האָבן זיך געקאָנט ראַטעווען ביז דעם טאָג ווען די מלחמה
איז אויסגעבראָכן, און פאַרנעמען אַלס יחידים היינט צו טאָג אָן אָנגעזעענע
שטעלע אין פאַרשידענע פּאָזיציעס אין אַנדערע לענדער, איינגעשלאָסן ישראל,
אָבער דאָס עסטרייכישע יידנטום אַלס אַזעלכעס איז שוין נישטאָ.

איך ווייס נישט צי דאָס איז געווען פרענקל׳ס כוונה, נאָר לייענענדיק זיין
ביאָגראַפיע פון שטריקער׳ן, און די אַנדערע אָפּשאַצונגען פון שטריקער׳ס
פּערזענלעכקייט, האָב איך זיך פאַרטראַכט אַז מיר האָבן אַ „חורבן עסטרייך״
פּונקט ווי מיר האָבן אַ חורבן דייטשלאַנד און אַ חורבן פּוילן, און וואָס די
פאַר־מלחמה׳דיקע און די נאָך־מלחמה׳דיקע אידעאָלאָגן פון „יציאת איירופּע״
זאָלן נישט זאָגן, איז דאָך איין זאַך קלאָר: מיר זיינען אַלס יידן, אָרעמער,
און נישט רייכער, מיט דעם וואָס מיר האָבן נישט מער דעם לעבעדיקן איי־
ראָפּעאישן יידנטום אין וועלכן די יידן פון עסטרייך האָבן פאַרנומען אַ
בכבודיקן פּלאַץ אויף אַלע געביטן פונם גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.
איך מיין חלילה מיט דעם נישט צו פאַרקלענערן די באַדייטונג פונם פאַקט
פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל — און שטריקער איז אָן צווייפל גע־
ווען איינער פון די מוטיקסטע פאָרקעמפער פון דער אידייע פון מדינת ישראל
— אָבער עס בלייבט איינע פון די מערקווירדיקסטע פּאַראַדאָקסן פון אונזער
היינטצייטיקער געשיכטע אַז דווקא די וואָס זיינען אַזוי שטאַרק פאַראינטערע־
סירט אין אַ פולשטענדיקער „יציאת איירופּע״, פאַרגעסן אַז די פּאָזיציע פון
ישראל, ווי שטאַרק זי זאָל נישט זיין (און זי איז ווייט דערפון אַז זי זאָל זיין
אַזוי שטאַרק ווי זי וואָלט געדאַרפט זיין!) וואָלט זי דאָך געווען אַ סך שטאַר־
קער ווען זי וואָלט געהאַט הינטער זיך שטאַרקע אייראָפּעאישע ישובים. די
געשיכטע דאַרף אין דעם פּרט נאָך זאָגן איר לעצט וואָרט!

אַפילו די וועלכע זיינען נישט מסכים געווען מיט שטריקער׳ן ווען ער
האָט געלעבט, מוזן באַוואונדערן זיין אויפריכטיקייט און גראַד־ליניקייט, אַלס
ייד און אַלס מענטש.

י. ל.

---

## יוסף הלל לעווי

## „פאַר אונדזערע קינדער״

ענדלעך האָבן די פאַריזער קאָלעגן איינגעזען און פאַרשטאַנען, די וויכ־
טיקייט און נויטווענדיקייט, פון אַ חודש־שריפט: פאַר שול און היים, —
וועלכע דאַרף דערציען אונדזער קליינוואַרג, אויפוועקן ביי זיי ליבע צום
יידישן וואָרט, בוך, ליד, מוזיק און פאָלקלאָר. יאָ, אויפוועקן ביי זיי בכלל ליבע
צום יידישן פאָלק און אינטערעס צו דער יידישער געשיכטע.

אַז זיי זאָלן נישט שפּעטער דאַרפן אַראָפּצוקוקן און זיך שעמען, — ווי
דער רוב קינדער קוקן אַראָפּ אויף זייערע עלטערן און שעמען זיך מיט זיי

ווייל זיי רעדן נישט אַ גוטן פראנצויזיש, ענגליש וכדומה...

ווייל זיי ווערן אָנגעזאפּט מיט פרעמדע קולטורן, אָדער קולטורלאָזיקייט וואָס זיי ירש'ענען אין די פרעמדע לשונות...

ווי דער חשובער רעדאקטאָר משה וואלדמאן זאָגט אין זיין ערלעכן פאַרוואָרט: „באַרייכערן אונדזערע יונגע לייענער מיט באלערנדיקן מאטעריאל און יידישן וויסן, אים באקאנט מאכן מיט דעם לעבן פון די יידן אין דער גאַרער וועלט“. מיר פארשטיין אז אזא גרויסע אויפגאבע, איז שוין דווקא גאָרנישט פון די גרינגע זאכן — זי ממלא צו זיין, מחמת דאָס איז פארבונדן מיט גרויסער טרחה און אויך נישט מיט קיין לייכטע פינאנציעלע הצטרכותן.

דערפאר מוז דאָ טאָפּלט באגריסט ווערן דער מוט, און די דרייסטקייט, מיט דעם גוטן ווילן פון די אַרויסגעבער.

פאר דער 2־טער מלחמה האָבן מיר געהאט אזעלכע זשורנאלן וועלכע זענען דערשינען אין ווילנע: „גרינינקעביימעלעך“ און „דער חבר“ רעדאקטירט דורך דעם אידעאליסטישן פעדאגאג — דעם קדוש שלמה באסטאמסקי און דער ברייט פארצווייגטער פארלאג: „קינדערפריינט“ מיט דעם חודש זשורנאל „דאָס גרעזל“ אָנגעפירט דורך די קדושים משה אייכמאן און א. הערמאן אין ווארשע.

עס איז קלאָר אז די השפעה איז געווען אַ גאָר גרויסע — מחמת זייער אידעאליזמוס און איבערגעגעבנקייט איז געווען גרעסער ווי אלעס...

ס'וועט ניט זיין קיין גוזמה ווען כ'וועל זאָגן: אז זייער ליבע, אחריות און וויטזיכטיקייט — האָט צום גרויסן טייל איבערגענומען דער היינטיקער רעדאקטאָר מ. וואלדמאן. מחמת ער האָט פארשטאנען אז נישט צוגאב־שולן אליין זענען נויטווענדיק, נייערט אויך אַ קינדער־זשורנאל וואָס זאָל לערנען ליבהאָבן דאָס קינד די עלטערן, די שטוב, זייערע טראדיציעס, מנהגים, און בכלל דאָס יידישע וואָרט און בוך מיט דער גאנצער יידישער קולטור.

ווייל נאָר בזה האופן לערנט מען אויס אַ קינד צו זיין פארבונדן מיט זיין פאָלק. די פאריזער קאָלעגן זעען באצייטנס צו באזייטיקן דעם שווערן טעות און פעלער וואָס עס האָבן געמאכט די יידישע אינטעלעקטואלן און לערער פון די אַמאָליקע צוגאב־שולן, און בתוכם אויך די יידישע שרייבער דאָ אין ענגלאנד; נישט געבנדיק גענוג אכט אויף די דאָזיקע שולן און נישט שאפנדיק בכלל קיין שום קינדער־זשורנאל.

דערפאר נעמען מיר מיט אַ געטאָפּלטער פרייד טאקע אויף די „חודש־שריפט“ (פאר אונדזערע קינדער, פאר שול און היים) וועלכע איז רעדאקטירט געוואָרן מיט פול ליבע, פארשטענדניס און עסטעטישן געשמאק, פארזען אויך מיט גוטן פאפיר און אילוסטראציעס.

און וואָס איך האלט פאר דעם עיקר און אמוויכטיקסטן איז — די אומפארטייאישע גראדליניקייט. און דאָ ליגט באלד אין אָנהויב שוין אַ שטיק פארדינסט...

פון דעם ערשטן העפטל שטראמט אַרויס אַ וואַרעמע היימישקייט, איבער־



געגעבנקייט און צוגעבונדנקייט צו דעם גלות, און צו ישראל...

דער בעסטער באווייז זענען די גאָר געראָטענע ארטיקלען: „אַ בוים בליט אין דער מדבר“ פון רעדאקטאָר, מ. וואלדמאן, און „די יאָרצייט פון אַ העלד“ פון י. ח. קאָרענהענדלער.

די מעשה'לעך און לידלעך זענען פשוט, לייכט, און לייענען זיך הארציק ליב, אַ דאנק זייער איינפאכקייט, קלאָרקייט און צוגעפאסטקייט.

איך האלט אויך פאר זייער וויכטיק און געווינטשט: די לאטיינישע טראנסקריפּציע, מחמת דאָס מאכט פאר אַ סך קינדער לייכטער און גרינגער דאָס איינלעבן זיך מיטן יידישן אות.

דערווייל איז די התחלה אַ זייער פעדאגאָגיש־צוזאָגנדיקע געווען.

זאָלן דערפאר די הענט געבענטשט זיין, — וועלכע האָבן זיך מיט אזויפיל ליבע און איבערגעגעבנקייט געמיט ביי דער ערלעכער, נוצלעכער און דורכאויס וויכטיקער ארבייט.

זאָלן אלע אינלענדישע און אויסלענדישע יידישע אינסטיטוציעס, פאראיינען, שרייבער, לערער און אינטעלעקטואלן — די וויכטיקע נוצלעכע ארבייט פארשטיין געהעריק צו ווירדיקן און אונטערשטיצן בכדי דער דאָזיקער קינדער־זשורנאל „פאר אונדזערע קינדער“ (חודש־שריפט פאר שול און היים) זאָל קענען רעגלמעסיק ווייטער דערשיינען, און מאריך ימים ושנים זיין.

---

# הערש שישלער (יאָהאַנעסבורג)

## „פאַרגעס מיך נישט“

זעליק מאזור — „פאַרגעס מיך נישט“, קינדער־לידער, פארלאג „ארגענטינער ביימעלעך“, בוענאָס־איירעס 1950

יעדעס יידיש בוך וואָס דערשיינט איז דערפרייענד און אַ צושטייער צו אונזער קולטור־אוצר, באזונדערס דערפרייענד איז די דערשיינונג פון אַ קינדער־בוך, ווייל די קינדער־ליטעראטור האָט דאָך די אויפגאבע און ציל צו דערציען און אויפצוברענגען דעם יונגן דור, דעם נאָכוואוקס. באזונדערס איז וויכטיק און דערפרייענד די דערשיינונג פון אַ יידיש קינדער־בוך, וואָס מיינט אָנהאלטן און שטארקן דעם המשך — די אייביקייט און הייליקייט פונם יידישן וואָרט און יידיש פאָלק.

„פארגעס מיך נישט“, דער נאָמען פונם בוך, באטיטלט אויך דאָס ערשטע ליד אין דער לידער־זאמלונג פון זעליק מאזור'ן, וואָס איז ווי אלע אנדערע לידער שיין אילוסטרירט מיט די ווערק פון י. ל. פרץ, שלום עליכם, מענדעלע מוכר ספרים און אנדערע; „פארגעס מיך נישט“, איז דעם מחברס ווענדונג צום יידישן קינד —צו ריידן די מוטער־שפראך — יידיש, די שפראך

פונם יידישן פאָלק וואָס לעבט הונדערטער יאָרן, און וואָס איז דורך איר געהייליקט און אָפּגעהיטן געוואָרן אין די שווערסטע טעג און מענטשן פון געטאָס און קאַלך־אויוונס:

„ס'האָבן מיליאָנען יידישע קינדער,
אין שול געלערנט, און מיך געקענט,
נאָר זיי מיט מיינע שענסטע טרוימען
האָט מען אין קאַלך־אויוונס פאַרברענט.

הייליק האַלט דאָס טייערסטע פון די קדושים,
געבליבן איז פון זיי די איינציקע ירושה;
דורך פּיין בין איך געלייטערט געוואָרן, —
און טראָג אין זיך גאולה און קדושה.

פאַרגעס מיך נישט מיין יידיש קינד!
נעם אַריין מיך אין דיין מיט.
בוי מיט מיר דיין לעבן אויס, —
איך בין דיין שפּראַך פון וואָרט און ליד".

אָט דער טייל סטראָפן פון ערשטן ליד אין בוך „פאַרגעס מיך נישט", איז דער אַריינפיר צום קינדערישן וויין־גאָרטן פון זעליק מאַזור'ס קינדער־לידער, וואָס דער מחבר זינגט זיי אַזוי האַרציק לייכט אויס, מיט אַ באַזונדערע ליבשאַפט פאַר זיינע קינדער־לייענער.

כמעט אַלע זיינע לידער, האָט מאַזור געשריבן אין אַ גוטן געמיט, זיינען זיי דעריבער אַרויס לייכט, שפּילעוודיק וואָס אַ קינד קען באַנעמען און איז פאַר אים צוגעפּאַסט, פאַר אים, זיין קינדערישע סביבה און נשמה. די לידער זיינען אויך ווערט אויסגענוצט צו ווערן פון די לערער אין יידישע שולעס. די קורצע פערזן, די גראַמען, אָדער די געגראַמטע מעשה'לעך זאָגן אָן, אַז דער מחבר זייערער, איז אַ גרויסער ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט און יידיש קינד.

דאָס בוך „פאַרגעס מיך נישט", איז זייער פאַרבנרייך אילוסטרירט און זייער שיין אַרויסגעגעבן. די מאַלער־קינסטלער משה פייגנבלום, חיים סאָקאָלאָווסקי און משה גראַנאַט, האָבן דערצו מיטגעווירקט מיט זייערע געלונגענע און פיינע צייכנונגען און פּאַסיקע פאַרבן, וואָס מאַכן דאָס בוך פּראַכטפול. עס איז זעלטן צו מערקן אויפן יידישן ביכער־מאַרק אַזאַ פיינע עסטעטישע קינדער אויסגאַבע.

פיל פון די לידער אינם בוך, זיינען פאַרזען מיט נאָטן, וואָס וועלן געוויס אויסגענוצט ווערן פון עלטערן און לערער לטובת די יידישע קינדער, וואָס וועט זיי העלפן אין דער יידישער דערציאונג און אין דערנענטערונג צום יידישן וואָרט און יידישער ליטעראַטור. „פאַרגעס מיך נישט" דאַרף זיך געפינען אין יידישע שולן און אין יידישע היימען.



דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פיר אָפּטיילונגען: (1) די שול און די היים; (2) אונזער לאַנד; (3) אונטער די בלויע הימלען; (4) בעלי־חיים. דאָס בוך ווידמעט דער מחבר זיין פעטער אברהם הערמאַן (גערשגאָרן).

עס איז כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז זעליק מאַזור איז דער רעדאַקטאָר פון די „אַרגענטינער ביימעלעך", וואָס דערשיינען שוין 10 יאָר אין בוענאָס איירעס און ווערן פּראַכטפול פון אים אַרויסגעגעבן. אין 1947 האָט ז. מאַזור אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך דערציילונגען פאַר קינדער א. נ. „יאָסעלעס שטיפעריייען", וואָס זיינען צייט מיט דערפאָלג אויסגענומען געוואָרן.

„פאַרגעס מיך נישט" רופט זיך זעליק מאַזור'ס לעצט דערשינען בוך — און יידישע קינדערלעך דאַרפן טאַקע נישט פאַרגעסן עס צו לייענען, לייענען און לייענען בכדי דערמיט צו פאַרשטאַרקן זייער קינדערשן זכרון — און צו געדענקן דאָס יידישע וואָרט, וואָס וועט זיי אַריינפירן אין די וועלטן פון זייערע אבות.

---

## ה. לייוויק'ס „די חתונה אין פערנוואַלד"

(צו לייוויק'ס באַזוך איצט אין אייראָפּע)

נישט ווי אַ בוך, נישט ווי אַ קונסט־ווערק, האָב איך געלעזן לייוויקס (דראַמאַטישע פּאָעמע) „די חתונה אין פערנוואַלד" — איך האָב עס געלייענט ווי אַ דאָקומענט! אַ פאַרבאַרגענער דאָקומענט פון אַ פאָלק, וואָס ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור. אין שעה פון גרויסער פאָלקס נויט, פון געוואַלטיקן גוראַנגל פאַרן קיום פון אינערלעכער נשמה־צעריסנקייט ווערט דער באַהאַלטענער דאָקומענט אַרויסגענומען מעין צו זיין דערין להלכה למעשה — וואָרים עס איז נוגע דיני נפשות!

מיר ווייסן פון אונזער רעליגיעזער ליטעראַטור פון דעם רבנישן שאלות־ותשובות גוראַנגל אין שווערע צייט ביי יידן בנוגע „התיר עגונות", און ווי די גדולי הדור האָבן, גלויב איך, אפילו דעם כוח געהאַט מתיר צו זיין די „קדושין למפרע" — ד.ה. אויפצולעזן דעם חתונה אַקט פון מאַן און ווייב, כדי מתיר צו זיין אַן עגונה.

מען דערציילט זיך, ווי אַ לעגענדע, אַז אין אונזערע דורות נאָך, זאָל רבי יהושעלע קוטנער, זיך האָבן אָנגעטאָן דעם כוח פונם גדול הדור און מתיר געווען אַן עגונה — —

עס איז געווען אַ גרויסער מאָמענט דעמלט אין רעליגיעזן לעבן, ווען אַ קליין שטעטלדיקער רב האָט תופס געווען, נישט נאָר דעם באַנייטן פּויליש־חסידישן אהבת ישראל און געוואָלט ראַטעווען אַ יידישע משפחה, נאָר ער האָט דעם גרויסן ענין פון ליבשאַפט, פון אהבת בכלל, משיג געווען, און ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם כוח און ער איז געוואָרן דער גדול־הדור.

צו אָט דער מדריגה, צו אָט דעם כוח איז דערגאַנגען לייוויק מיט זיין לעצ־

טער דראַמע „די חתונה אין פערנוואלד“! ניין, דאָס ווערק האָט נישט די קינסטלערישע קראַפט פון זיין „גולם“ צי אפילו פון זיין „מהר“ם מרויטנבערג“, אָבער דעם געראַנגל פאר אונזערע צעבראָכענעם קיום, פון אונזער נשמה־צעריסנקייט, פון אונזער פארקניפטן און פארפלאָנטערטן המשך האָט לייוויק משיג געווען ביז אין די טיפסטע טיפענישן.

און נאָך מער, ווי דער גרויסער דיכטער פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור, אָנגעזאפט מיט דער פרצשער אהבת ישראל, מיט דער ליבשאפט בין אדם לאדם, איז לייוויק מיט זיין לעצט ווערק געוואָרן דער גדול הדור. „די חתונה אין פערנוואלד“ איז נישט מער קיין בוך, קיין ליטעראַטור — עס איז אַ דאָקומענט פון יידישן פאָלק פון אונזער בלוטיגן דור.

ווי וואָלט אונזער פאָלק אויסגעזען, ווען „עמך“ גיט אַ שפרינג אַריבער דעם פריש צוגעשיטן ברידער־קבר אונזערן, איבער וועלכן די ערד רירט זיך נאָך און צעלאָזט זיך מיט זיין „אייזיק מזיק די באָבע גייט אַ קאָזעק“?

יאָ, מען מעג, די הלכה איז אזוי: „מעבירין את הכלה מלפני המת“! אָבער וואָסער פּנים קאָן שוין האָבן אַזאַ חתונה, רחמנה לצלן... דער רב גייט דעמלט נישט צו דער חתונה, ער שיקט דעם בית־דין־שמש מיט זיין שטעקן...

און אין אונזער גייסטלעכן אָרעמען דור, וואָס אַפילו צום דידאקטיש־טרוקענעם התיר עגנות, פון די טויזנטער, טויזנטער „די־פּיס“, האָבן אונזערע רבנים נישט דעם כוח זיך דערצו צוצורירן, האָט אונזער מאָדערנע ליטעראַטור דאָך דעם כוח געהאט, אין דעם שווערן פאַרפינסטערטן ענין זיך צו פארטיפן און זיין אינערלעכן הארץ־געראַנגל תופס צו זיין און פסקענען להלכה למעשה, אז די שכינה זאָל נישט בלייבן קיין עגונה, חלילה.

ענדיקנדיק לייענען „די חתונה אין פערנוואלד“, — וואָס בשעתן מעין זיין דערין האָט זיך די פארב אויף מיין פנים פיל מאָל מסתם געביטן! — האָט אַ גרויסע ליבשאפט צו אונזער ליטעראטור מיך דאָך אַרומגענומען: אויב אַ יידישער שרייבער, אין אונזערע שפּלותדיקע טעג, האָט זיך דאָך נאָך געקענט צוזאַם־נעמען צו אזא דאָקומענטאריש דיכטעריש ווערק, — אזא כוח זיך אָנטאָן! —איז נאָך לא אלמן ישראל.

*ש.*

---


שוין דערשינען

## „דאָס בוך פון לעסטערונגען“

פון ל ע אָ  ק ע נ י ג

**אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן.**  **פרייז 21 שילינג**

**דאָס בוך קען מען קריגן ביים „נאַראָד פּרעס“, און אין בוכהאנדלונגען.**


---



## יחזקאל נח ערלעכמאַן

## „אַ שוואַנץ מלמד“

(אַ צווייטע מעשה פון דעם זעלבן ר׳ יוסלען, פון וועלכן עס איז שוין דערציילט געוואָרן פאַריקן חודש)

ר׳ יוסל האָט זיך אַ פארשעמטער אָפּגעטראָגן פון ירחמיאלס הויז. ער האָט יעצט דערקאָנט זיין געמיינעם כאראקטער, וואָס נישט בלויז, וואָס ער האָט ביי אים צוגענומען 500 רובל, האָט ער אים נאָך ציניש אויסגעלאכט, און גייענדיק אַהיים דערמאָנט ער זיך פון אַן אנדערן בעל חוב ר׳ אברהם אבא (אַ געוועזענער ת״ת מלמד), וואָס האָט היינט פרי געדארפט אים ברענגען די 80 רובל, וואָס ער האָט אים געבאָרגט מיט אַ האלב יאָר צוריק.

און ווען ער איז געקומען צו זיך אַהיים, האָט ער געפרעגט ביים ווייב, אויב אברהם אבא האָט שוין געברענגט דאָס געלד. זי זאָגט אים, אַז ער האָט נאָך נישט געברענגט. „אָבער דו דארפסט דאָך נישט צו זאָרגן וועגן דעם. ער האָט דאָך דיר געגעבן אַ משכון, וואָס לויט ווי ער זאָגט, האָט מען עס געוואָלט פון אים קויפן פאר 200 רובל“.

ר׳יוסל, ווייל עס איז אים געווען טרויעריק אויפן הארצן פון די פריערדיקע מעשה מיט ירחמיאל׳ן, האָט זיך געוואָלט איבערצייגן ווי ווייט ער איז זיכער מיטן משכון. ער האָט זיך אריינגעשארט אין זיין שטיבל און נעמט אַרויס פון די קאסע דאָס משכון, וואָס איז באשטאנען פון אַ פאָר דימאַנטענע אויערינגלעך מיט אַ בראש. ער האָט עס גוט באטראכט, און האָט יעצט דערזען, אז דער אברהם אבא האָט אים גוט אָנגעחויכעט. דאָס גאנצע משכון האָט געהאט קוים אַ ווערט פון 20 רובל. אָ! טראכט ער זיך, אין דער פרי האָב איך געהאט אַן אָנבייסן פון ירחמיאלס שווענצעלע, און יעצט קומט מיר אויס צו האָבן אַ מיטאָג פון דעם „שוואַנץ מלמד“. ער באַטראכט זיך אַביסל, נעמט דאָס ביסל צירונג און פאקט עס צוריק, ווי עס איז געווען, לייגט עס צוריק אין די קאָסע און גייט צוריק אין שטוב און זאָגט צום ווייב און צו די אנדערע מענטשן, וואָס האָבן זיך גראד דאָרט געפונען, אז ער האָט יעצט געוואָלט באַטראכטן דאָס משכון פון אברהם אבא, אָבער ער קאָן עס נישט געפינען. ער האָט יעדעס ווינקל דורכגענישטערט, און עס איז נישטאָ.

דאָ זאָגט צו אים דאָס ווייב: „איך האָב אליין געזען, ווי דו האָסט עס אַריינגעלייגט אין די קאָסע, און דאָך וווּנדער איך מיך נישט אויב עס פעלט, עס איז דאָך דאָ אַן אָפענע שטוב, ווער עס וויל קומט זיך אַריין און דרייט זיך אַרום אין אלע צימערן. עס קאָן זיין אז דו האָסט פארגעסן צו פארשליסן די קאסע און עס האָט עס איינער צוגעלאקחנ׳ט“.

— יעדנפאלס, — זאָגט ר׳ יוסל צו די מענשן וואָס זענען געווען ביי אים, — איך וועל נאָך אַמאָל גוט ארומזוכן, מעגלעך, אז איך האָב עס אוועקגעלייגט אויף אַן אנדערן פלאַץ. אָבער למען השם, טוטס מיר אַ טובה און עטץ זאָלט

פאר קיינעם נישט פאַרציילן, וואָרעם טאָמער דערוווסט זיך דערפון ר׳ אברהם אבא, ווער ווייסט וואָס ער וועט זיך הייסן באַצאָלן.

אָבער, אַ מערקווירדיקע זאַך: באלד צומאָרגנס האָט מען זיך שוין געשושקעט אין בית המדרש, אז ביי ר׳ יוסלן איז נישט אלעס ווי עס דארף צו זיין. די גאנצע שטוב גייט כאַדאָראַם, עס פעלן אַ סך זאכן פון די שטוב. און איינער האָט גאָר געזאָגט, אז ער ווייסט „בסוד״, אז עס פעלן אים ווערטפולע משכנות, וואָס מענטשן האָבן אים געגעבן פאר זיכערהייט. מען האָט זיך אזוי געשושקעט ביז ר׳ אברהם אבא האָט אויך „עפּעס״ דערהערט.

ער האָט נישט געלאָזט לאנג ווארטן אויף זיך, און באלד די זעלבע נאכט האָט ער זיך געלאָזט גיין צו ר׳ יוסל, כלומרשט, מיט אן אויסרייד, אז אזוי ווי עס מעלדעט זיך צו אים איינער, וואָס וויל קויפן דאָס צירונג, וואָס ליגט דאָ ביי אייך פארמשכנ׳ט, האָב איך געברענגט צוויי קליינע צירונג שאכטלעך פאר יעדן שטיקל צירונג באזונדער, און איך וויל שוין איינוועגס אָנקוקן, אויב זיי זענען שיין און ריין אָנגעפּוצט, אַז זיי זאָלן נושא חן זיין ביים קונה.

ר׳ יוסל האָט אים זייער פיין אויפגענומען. הייסט אים זיצן, און גייט זיך אריין אין זיין שטיבל צו די קאָסע נאָך דעם צירונג. ער קומט אָבער צוריק אין אַ פּאָר מינוט מיט אַ טרויעריק פנים, אז דאָס צירונג איז דערווייל פאַרוואָרפן מיט אנדערע זאכן, און קאָן עס דערווייל נישט געפינען און בעט אים, ער זאָל צוריק קומען אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, וועט ער עס שוין האָבן אויסגעפונען.

ר׳ אברהם אבא איז געוועזן זייער נישט צופרידן און זאָגט: „סטייטש, ר׳ יוסל! איר הייסט וואַרטן אַ פּאָר טאָג. איך קען דאָך אָבער דערווייל פארלירן דעם קונה. אלזאָ, ר׳ יוסל, איך וועל אייך צו וואַרטן מאָרגן אַ גאנצן טאָג, און ביינאכט וועל איך ווידער קומען צו אייך, און האָף, אז איר וועט עס שוין האָבן גרייט, מיר עס צוריקצוגעבן״. ער איז אוועקגעגאנגען. צו מאָרגנס ביינאכט קומט ער ווידער צו ר׳ יוסל׳ן. ר׳ יוסל זאָגט אים, אז ער האָט שוין ארומגעזוכט אין יעדן ווינקעלע און ער באדויערט זייער, וואָס ער קאָן עס נישט געפינען.

דאָ ווערט שוין ר׳ אברהם אבא זייער ערנסט און זאָגט: „ר׳ יוסל, איר האָט טאַקע מיר געטאָן אַ גמילת חסד, און וואָלט זייער נישט געוואָלט אייך מאכן עגמת נפש. אָבער איך בין היינט זייער געדריקט און דער קונה וויל געבן 300 רובל, און דעריבער, אויב איר וועט עס מיר נישט געבן יעצט, וועל איך זיין געצוווּנגען אייך צו רופן צום רב פאר אַ דין תורה״.

און געזאָגט און געטאָן! צו מאָרגנס קומט דער שמש פון רב, און ברענגט אן הזמנה פון בית דין, ער זאָל זיך שטעלן נאָך מיטאָג צום רב פאר אַ דין תורה מיט ר׳ אברהם אבא.

ווען ר׳ יוסל איז געקומען צום רב איז שוין דאָרט געוועזן ר׳ אברהם אבא און האָט פאָרגעלייגט זיינע טענות, אַז דאָס צירונג איז ווערט גוטע 400 רובל, נאָר ווייל ער דארף נויטיק דאָס געלד איז ער געצוווּנגען עס צו פארקויפן פאָר



300. „איך, — זאָגט ר׳ אברהם אבא, — בין נישט חושד ר׳ יוסלן, אז ער וויל צונעמען דאָס משכון פאר זיך, ניין! דאָס נישט. נאָר זאָל ער צוגעבן, אז ער האָט עס פארלוירן און זאָל ער מיר צוצאָלן דעם רעשט״.

דער רב ווענדעט זיך צו ר׳ יוסל: „נו, וואָס האָט איר צו זאָגן? איר זענט דאָך אַ תלמיד חכם און ווייסט, אז מ׳באָרגט אויף אַ משכון, ווערט מען דערויף אַ שומר שכיר, און אויב עס איז פאַרלוירן געוואָרן, זענט איר מחויב צו באַצאָלן״.

— רבי, — זאָגט ר׳ יוסל מיט אַ טרויעריקע מינע, — ער האָט גאנץ גוט געזען, אז איך האָב עס שטארק ארומגעזוכט. איך האָב עס אָבער נישט געקענט געפינען. זאָל ער ווארטן נאָך דריי אָדער פיר טעג, און עס וועט זיך אָפּזוכן. און דאן ווענדעט ער זיך צו ר׳ אברהם אבא, מיט כעס: „וואָס דרייסט דו מיר עפּעס אַ קאָפּ יעצט מיט צירונג. דערווייל קומט דאָך מיר 80 רובל און אזוי לאנג ווי דו באצאָלסט נישט, דארפסט דו נישט האָבן צו מיר קיינע טענות״.

ר׳ אברהם אבא, זעט אויס, איז געוועזן צוגעגרייט צו די טענה און נעמט אַרויס פון בוזעם־טאַש אַ פּעקל, און דערלאנגט עס צום רב: „ציילט עס, זייט מוחל. דאָ זענען די גאנצע 80 רובל, און זאָל ער מיר שוין אָפּגעבן דאָס צירונג״.

דער רב ציילט עס איבער, עס איז ריכטיג, 80 רובל, און ווענדעט זיך צו ר׳ יוסל: „די 80 רובל וועלן זיין ביי מיר. איך קאָן אייך נאָר געבן צייט ביז מאָרגן צוועלף אַזייגער מיטאָג צייט, און אויב איר וועט עס נישט ברענגען צו די צייט, וועל איך אים צוריקגעבן די 80 רובל, און איר וועט דארפן אַדורך צו קומען מיט ר׳ אברהם אבא, ווייל לויט ווי ער זאָגט, איז עס ווערט פיל מער ווי די 80 רובל״. און ביידע בעלי צינים זענען אַהיים געגאנגען ביז מאָרגן.

צו מאָרגנס, ווען ר׳ יוסל איז געקומען צום רב, האָט ער שוין דאָרט געטראָפן נישט בלויז ר׳ אברהם אבא, נאָר אַפילו זיין פרוי אויך. מסתמא געקומען העלפן איר מאן מ׳זאָל אים נישט קיין עולה טאָן, טראכט זיך ר׳ יוסל. און ווי נאָר ר׳ יוסל זעט זיי, זאָגט ער: „איר זענט גרויסע „מוצלחים״ אָדער אפשר איז אייך בייגעשטאַנען אייער גרויסער „זכות אבות״. שטעלט אייך פאָר, איך זוך און ווידער, און האָב מיך שוין מייאש געווען עס צו געפינען. נאָר אין די לעצטע מינוט איז געשען אַ נס: דאָס פּעקעלע האָט זיך אַביסעלע איינגעריסן און אַ קליין דימאנטל האָט אַרויסגעשיינט, ווי איר זעט דאָ״.

זאָגנדיק דאָס, דערלאנגט ער דאָס פּעקעלע צום רב. דער רב פּאַקט עס אויף, און נאָך דעם ווי ר׳ אברהם אבא האָט באַשטעטיקט, אז דאָס איז דאָס ריכטיקע משכון, האָט ער עס אים איבערגעבן, און אויך באלד דערלאנגט ר׳ יוסלן די 80 רובל, און ביידע זענען זיך אַוועקגעגאנגען פון רב צופרידן.

מער נישט, וואָס מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, קומט ער ווידער צו ר׳ יוסלן, און דערציילט אים, אז פון דעם מקח איז גאָרנישט געוואָרן, ווייל דער קונה

האַט זיך געוואָלט צובאַרגן 50 רובל, און דעריבער בעט ער, ער זאָל אים צוריק באָרגן די 80 רובל.

נאָר ר׳ יוסל ענטפערט אים גאַנץ געמיטלעך: „איר האָט דאָך געזען, וואָס פאַר אַ נס מיר איז געשען, ביז איך האָב עס געפונען, און אונזערע חז״ל זאָגן דאָך „אין סומכין על הנס״, דאָס הייסט מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף נסים. ווארים נישט יעדן טאָג געשעט אַ נס״.

## געסט פון ישראל

צווישן די באקאנטע געסט פון ישראל וואָס ווילן איצט אין לאָנדאָן איז אויך דאָ דער גוט־באַוווסטער יידישער שרייבער און עקאָנאָמיסט דר. קרוק און זיין פרוי, אַ באקאנטע קינדער דאָקטאָרין אין ירושלים, וואָס איז שטארק טעטיק אויפן געביט פון קינדער־דערציאונג.

די וויצאָ־טוערין פון ישראל, פרוי צפורה בערגמאן, אויף איר שליחות־רייזע קיין אמעריקע איז אויפגעטרעטן אויף אַ שבת־נאָכמיטאָג און זי האָט דערציילט פון די וויכטיקע וויזאָ־טעטיקייט אין ישראל. זי איז אויך באגריסט געוואָרן פון פריינט פון יידיש־לשון ביי אַ גלעזל טיי.

פארן גוט־באַוווסטן שרייבער פון ישראל, יואל מאסטבוים און זיין פרוי וועלכע האלטן שוין ביים צוריקפאָרן קיין ישראל, גרייט פ.פ.י.ל. צו אַ צאתכם לשלום. מאסטבוים איז אויך אויפגעטרעטן מיט אַ רעפעראט, ביים שבת נאָכ־מיטאָג, ביים ליטעראטן פעראיין, און ביי באַנקעטן וואָס זענען געגעבן גע־וואָרן לכבוד אים און זיין פרוי.

## באזארגט אייך מיט בילעטן פארן ווארט-קאנצערט, וועלכער

קומט פאָר דעם 22־טן אויגוסט.

שיקט אויך צו אויך אַ באגריסונג־ווונטש צום נייעם נאָר. עס איז וויכטיק פאר די עקזיסטענץ פון אונזער זשורנאל.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

**(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)**

שבת, דעם 12־טן אויגוסט: יידישער הומאָר און סאטירע.

שבת, דעם 19־טן אויגוסט: אלול שטימונגען אין דער יידישער פּאָעזיע.

שבת, דעם 26־טן אויגוסט: ימים נוראים אין דער יידישער פּראָזע.



„אין חדר אריין״ 5/-
„אין זכות פון די טעג״ 3/6
„די גאולה שעה״ (אַ וויזיע) 5/-
„זינגנדיקע רעיונות״ (לידער און פּאָעמעס) 5/-
פון
**משה עובד**
צו באקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באקומען דאָס בוך פריי

**„די צייט״**
געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער
די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

דער פּלאַץ
איז רעזערווירט
פאַרן פריינט
י. ביעטש

אַרויס פון דרוק:
„די בייגעל-פארקויפערין ביים דניעפּר״ און אַנדערע דערציילונגען
פון מארקס קאהען
צו באקומען אין אלע יידישע בוכהאנדלונגען און ביים סעקרעטאר
פון „פריינט פון יידיש לשון״:
N. RUBIN, 193, Evering Rd., Clapton, E.5.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 9 (העפט 128)   עלפטער יאַרגאַנג   סעפּטעמבער 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

1 צום נייעם יאָר ת.ש.י.א. (מענה לשון שטיקלעך פון גרויסע סך הכלן)..**
4 אבראַשא (אַ תּל־אביבער טיפּ)........................יוסף נוימאַן
איך האָב פּיינט די בייזע שווערד, און זאָג צו די זיכערע, נישט דער איז
7 דער העלד (סאָנעטן)............................י. ה. לעווי
9 היימיש, צו קראַטנא פּאַרק (לידער)..................דוד אַפּאַלאַוו
10 די שיינע שבעה (ראָמאַן)..........................לעאַ קעניג
18 זייפן־בלאָזן (ליד)..............................בת שבע מאַסטבוים
18 בת שבע..........................................יואל מאַסטבוים
19 נישט געהאַלטן וואָרט (דערציילונג)...................י. ביעטש
29 מיין מאַמעס שנירעלעך פּערל (לידער)...............א. נ. שטענצל
39 משה עובד — 65 יאָר אַלט..........................אפרים טויבענהויז
44 דיינע וויזיאָנען, דיינע איידעלשטיינער (ליד)..........שמואל וואַהייט
45 משה עובד (סקולפּטור)............................יעקב עפּשטיין
45 משה עובד׳ס כאַראַקטער־בילד אין ווערטער (ליד)........י. ל. פּיין
46 משה עובד׳ס „וויזיאָנען און איידלשטיינער" (עסיי).......ש. י. דאַרפּזאָן
49 דער וואָרט קאָנצערט פון „פּריינט פון יידיש לשון"............ש.
50 וועטעראַנען (ליד)...............................ל. האַכשטיין
מיר די בעלי־תשובה פון פרעמדע זינד (אַ דרשה אַזאַ
51 לימים־הנוראים)..................................א. מ. קייזער
אַ קאַפּיטאַן פון די מאַרינס איז געווען דער בעל־תּפילה פון ימים נוראים
54 אין ירושלים.....................................ש. ערנסט
56 יידישע מעשהלעך פון יום כּפור.......................מאיר טויבענהויז
56 אַ ראש השנה מעשהלע פון אַ תּימנער אַלטן מחזיר.........משה לוי נחום
57 קיינער טוט דאָס נישט (פאָלקלאָר)....................יחזקאל נח ערלעכמאַן
59 „אין יענע טעג" (רעצענזיע)..........................א. פּאַלושאַק
60 ביים פרישן קבר (צום טויט פון לעאַ פינקעלשטיין)..דר. יעקב י. מייטליס
62 אַן ענטפער צו מלך ראַוויטש אויף אַ פּריוואַטן בריוו........י. א. ליסקי
64 יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן (נאָטיצן).......................
64 מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס.................

**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּעניס**

אבאָנעמענטס־פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.1*